STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04890

REKHT UN MAKHT

Ferdinand Lassalle

Permanent preservation of this book was made possible
by Jacob Apelberg
in memory of
his mother Bracha

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאַג „די וועלט"

פ. לאססאל.

רעכט און מאכט.

איבערזעצט פון דייטש.

פרייז 6 קאָפּ.

דרוק פון י. פיראָזשניקאָוו.

Ф. ЛАССАЛЬ.

ПРАВО и СИЛА.

Рѣчь о значенiи Германской конституцiи.

Переводъ съ нѣмецкаго.

Дозволено цензурою. Вильна 1 Февраля 1906 г.

פארעדע.

די „נייע ערא", וועלכע איז ערקלערט געווארען צו דער צייט, ווען דער פרינץ ווילהעלם, דער צוקונפטיגער קעניג ווילהעלם דער ערשטער, איז אריין געטראטען אין זיין צייט-ווייליגע הערשאפט (רעגענטסטווא), האט צו ענדע 1860 יאהר דייטליך געהאלטען ביי איר סוף. אין הויז פון די הערען האבען די יונקערס געהאט די הויפט-דעה, און דער פרינץ האט פאר זיי געהאט גרויס דרך ארץ; און אין דער איטאליענישער פראגע האט ער פלוצלונג ערקלערט דעם פרינציפ פון דער „געזעצליכקייט" מיט אזא שארפקייט, וועלכע האט געמאכט א סוף צו אלע חלומות וועגען זיין „ליבעראליזמוס". נור ניט די שוואכמוטיגע ליבעראלע מעהרהייט אין הויז פון די הערען, ניט די רעגירונג גופא האבען נאך ניט געבראכט צו אן אפענעם שטרייט. פון דעסטוועגען האט זיך שוין אין דער הערענהויז אבגעטיילט פון דער אלט-ליבעראלער פארטיי א פראקציאן די „יונג-ליטהויען", וועלכע האט ארויס גישטעלט א ביסעל א מעהר ראדיקאלע פראגראם; פון דיזער פראקציאן האט זיך אין זומער פון 1861 יאהר ענטוויקעלט די „דייטשע פראגרעסיסטישע פארטיי", וועלכע האט אין גיכען גילאזען ווארצלען אין דער גאנצער לאנד. דער איינפלוס פון דיזער פארטיי האט זיך נאך מעהר פערשטארקט נאך דעם ווי ווילהעלם, וועלכער איז געווארען אונטער דיזער צייט קעניג, האט אין אקטאבער 1861 יאהר אפען ארויסגעזאגט און אונטערגעשריבען, דאס „גאטעס גנאדען" רוהט אויף די דינאסטיע פון די האהענצאלערן. צו דער דעפוטאציע פון לאנדטאג האט ער געזאגט פאלגענדעס: „די פרייסישע קעניגע

ווערען געזאלבט פון גאט אליין, פון גאטס טראהן וועל איך מארגען נעמען מיין קרוין און איר ארויפלייגען אויף מיין קאפף. אט וואס הייסט קעניגען מיט „גאטעס גנאדען״, אט אין וואס בעשטעהט די היילינקייט פון דער קרוין! זי איז אונבעריהרליך. ארום דער קרוין האבען זיך יעצט געבילדעט נייע איינריכטונגען, וועלכע האבען דעם צוועק צו געבען עצות דעם קעניג און צו דיזע עצות וועל איך זיך צוהערען״. דאס איז אקלארע אנצו-הערענעס, דאס די פאלאטע האט ניט וואס צו האפען אויף איין אנפיהרענדען איינפלוס אויף די פיהרונג פון לאנד. דאס איז געווען אפאקטישע ערקלערונג, דאס ער זאגט זיך אב פון דער קאנסטיטוציע, וועלכע האט בעצם אין פרייסען גיגעבען דעם פארלאמענט אביסעל מעהר רעכט, ווי דאס רעכט „צו געבען עצות״ דעם קעניג. די וועהלער האבען אויף דעם גיענטפערט דערמיט וואס זיי האבען צו די וואהלען פון 6-טען דעצעמבער 1861 יאהר געשיקט אין דער פאלאטע אזוי פיעל פארשטעהער פון דער פראגרעסיסטישער פארטיי, דאס דיזע פארטיי האט דארט גלייך בעקומען א שטארקען איינפלוס. איין מאמענט האט די רעגירונג נאך געשלאגען זיך מיט דער דעה. די מיניסטארען האבען גיפרובירט צו מאכען פשרות; נאר ווען די פאלאטע האט דעם 6-טען מערץ 1862 יאהר אנגענומען אפראיעקט פון אזא געזעץ, לויט וועלכען די רעגיערונג האט בעדארפט איר צו שטעלען א מעהר דייטליכע רשימה פון די הוצאות פון דער מלוכה, דאן איז שוין פארגעקומען אנ׳אפענער שטרייט. עס האט זיך געבילדעט א נייער מיניסטעריום, וועלכער איז גיווארען פערשטארקט דורך די אנהענגער פון די רעאקציאנערע פארטייען — די יונקערס און קלעריקאלען — ליפפע, מילער, און איטצענפליץ. דיזער נייער מיניסטעריום האט גיהאט א כפעציעלען צוועק אראפצונעמען מיט אלע מיטלען יעדען חשד פון די שטרעבונגען פון דער רעגירונג, קעמפפען געגען די אלע פאלשע מיינונגען, וואס זיינען גיווען פארשפרייט אין דער געזעלשאפט

און וואס האבען זיך אפען ארויס געוויזען אין דער צייט פון די לעטצטע וואהלען. דאס האט געבראכט די מיניסטארען צו דעם גאנץ לאגישען בעשלוס, דאס מען מוז אנווענדען די גאנצע ביוראקראטישע מאשינע כדי דורכצופיהרען די וואהלען. די וואהלען גופא זיינען בעשטימט געווארען אויף דעם 6-טען מאי 1862-טען יאהר.

לאסאלס רעדע וועגען „דעם עיקר פון דער קאנסטיטוציע", וועלכע ער האט געהאלטען אין די ליבעראלע פעראיינען פון א גאנצע רייהע קרייזען, געהערט צו דער צייט פון דער פאר-בערייטענדער וואהל-קאמפאניע. דיזע רעדע איז איינע פון די בעסטע לאסאלס ווערקען. דער טהעארעטיקער אידעאליסט ווייזט זיך דא ארויס אלס פראקטישער רעאליסט אין דעם בעסטען זין פון דיזעם ווארט. מיט א קרעפטיגער האנד גריבעלט ער אין די וואונדען און ווייזט אן די צוהערער דעם אמת'ען ווארצעל פון דער צרה. אין א גלענצענדער קורץ-גע-פאסטער פארמע ווייזט ער קלאר און דייטליך אויף דעם עצם פון דעם סכסוך. דיזער סכסוך קען, נאך זיין מיינונג נאך, נאר דאן ריכטיג געלייזט ווערען, ווען מען וועט פארשטעהען זיין אמת'ע טבע און ווען מען וועט לויט נאך דעם האנדלען, ד. ה. ווען מען וועט איהם בעטראכטען אלס א פראגע וועגען מאכט.

עס פערשטעהט זיך, דאס אויך די פיהרער פון די ליבעראלען האבען געוואוסט אז אין ק.מפף פאר א קאנסטיטוציע שטעהט געוועהנליך דיזע פראגע אין דער ערשטער רייהע, נאר זיי האבען געמיינט, דאס זיי טוהען זעהר קלוג דערמיט, וואס זיי זאגען דאס אפען ניט ארויס. מיט די הילף פון א געשריבענע ערבות האבען זיי געוואלט אויף א „קאנסטיטוציאנעלען" וועג אויס-האנדלען ביי דער רעגירונג די פאקטישע מאכט, און דערביי האבען זיי געהאפט דורכאויס אויף דעם איבערנאטירליכען איינפלוס פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג, וועלכע לאסאל

רופט אן אין זיין רעדע „דאס געזעלשאפטליכע געוויסען" און דערביי באמערקט ער גאנץ ריכטיג, אז אין „געוויסע גרענעצען" קען דאס אויך בילדען א טייל פון דער קאנסטיטוציע. אבער פאר די ליבעראלען איז די געזעלשאפטליכע מיינונג געווען אלין, און דעריבער האבען זיי געשטעלט די פראגע וועגען דער קאנסטיטוציע אלס א ריין-רעכטליכע פראגע: פאר זיי איז דאס גיווען די פראגע פון פארמאלען רעכט, וועלכער איז אין אמת'ען גיווען אויף דעם צד פון דעם פארלאמענט. ביי אזעלכע בעדינגונגען האט פאר די פארשטעהער פון דער ליבעראלער פארטיי זעהר גיט געשמעקט די רעדע, אין וועלכער די אויסערסטע פאלגען פון דעם פארנאנדער גע-ברענטען קאנפליקט זיינען געווען ערקלערט מיט איין אונגע-וועהנליכער דורכדרינגליכקייט און מיט איין אייזערנער לאגיקע. אמת, לאסאל איז געווען אויף אזוי פיעל קלוג דאס ער האט זיך אפגעהאלטען צו מאכען וועלכען עס איז ספעציעלען פראקטישען שלום פון זיינע רייד, אבער זייער רעוואָ-לוציאנערער רעיון איז געווען פאר אלעמען קלאר. גיבער פאר אלין האט גאר אזא רעדע געפאסט פאר א רעאקציאנער. אויב די ליבעראלען האבען זיך גיסטארעט ווי עס איז צו פערשווייגען די פראגע וועגען דער מאכט, וועלכע ליעגט אין דער פראגע וועגען רעכט, איז דאך די אויפגאבע פון די, וועלכע זיינען אויסגעטראטען אונטער די פאהנע פון דער „קרייץ-צייטונג" (דער רעאקציאנערער צייטונג), געוועזען פארצושטעלען די פא-דערונגען פון דער לינקער פארטיי, אלס א רעוואָלוציאנערע אריינדרינגען אין דעם ווירקונגקרייז פון דער קרוין. זיי וועלכע פלעגען זיך שטיצען אויף די קראפט פון די הארמאטען, וואלט גיווען זעהר צוועקמעסיג צו דערמאנען אנ'איבעריגען מאהל וועגען די עקזיסטירענדע מאכט-בעציהונגען צווישען ביידע פאר-טייען. חוץ דעם זיינען פאר די טהוער פון דער קרייץ-צייטונג געווען זעהר צו דער האנד לאסאלס בעציהונגען צו די פיהרער פון דער פראגרעסיסטישער פארטיי, אויף וויפיל מען האט דאס

עקאנט אַר ויסגעמען פון זיין רעדע, און זיי האבען זיך טאקע דערמיט בענוצט.

שוין אין דער צייט פון די וואהלען פון 1861 יאהר האט די „קרייץ-צייטונג" פארגעלעגט איר פארטיי, אריינצוטרעטען אין בעציהונגען מיט די פארשטעהער פון דער קאנסעקווענטער דעמאקראטיע און צוזאמען ארויסטרעטען געגען די ליבעראלען; און ווען די פראגרעסיסטישע פארטיי האט ביי די וואהלען פון אפריל 1862 יאהר אבגעהאלטען א גלענצענדען נצחון, האט דער ארגאן פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי פארגעלעגט דאס אלגעמיינע וואהלרעכט אויס דעם גרונד דאס די דריי-קלאסען סיסטעם איז געגען די „גערעכטיגקייט". זיי האבען גיהאפט צוצוציהען אויף זייער צד פיעלע אנדערע אויף דעם זעלבינען אופן ווי עס האט זיך דאס זיי איינגעגעבען מיט די ברידער באויער (די געוועזענע פארשטעהער פון פאליטישען און פילאזאפישען ראדיקאליזמוס). דער ארטיקעל וועלכען די „קרייץ-צייטונג" האט געווידמעט לאסאלס רעדע איז אזוי חאראקטעריסטיש פאר יענע צייטען, דאס עס לוינט, נאך מיין מיינונג, איר איבערצוגעבע וואָרט אין וואָרט:

דער צווייטער ריכטיגער סמן איז פאר אונז די רעדע וועלכע מיר האבען צוטריט (אין № 122), פון דעם בערימטען צו יענער צייט איד-רעוואלוציאנער דעם דאקטאר לאסאל, וועלכער האט גיטראפען אין ציעל צוליעב זיין ריכטיגען חוש, אבער ער האט נאך אונז ניט געזאגט אלץ וואס ער ווייס און וואס ער האט אין זינען. א טיפע פעראכטונג צו דער געשריבענער קאנסטיטוציע, א קלארער פערשטאנד פון דעם, דאס די פאקטישע לאגע און די רעאלע בעציהונגען פון די געזעלשאפטליכע קרעפטען בילדען די אמת׳ע און די איינציגע קאנסטיטוציע פון דער לאנד — און דערביי ניט ער נאך צו, דאס די סאלדאטען און אפילו די הארמאטען שפילען א וויכטיגע און ענטשיידענדע ראליע — אט דיזע צוויי פאראויס אנגענומענע פונקטען פיהרען צו דעם שלום אז קודם כל און מעהר

פאר אלץ דארף מען זעהן אומצוענדערן די פאקטישע לאגע און די רעאלע בעציהונגען פון די קרעפטען און איבערהויפט ענטוואפנען (אבנעהמען די געוועהר) די בעזיעגטע.

נאר אין איין פונקט האט ער א טעות אין חשבון:

גראדע אין 1848 יאהר האט די דעמאקראטיע ניט בעזיגט, זי האט פראסט מיט דעם „יעגען אריין געלאזען ארויך אין די אויגען זיך און דעם פאלק; און עס פערשטעהט זיך, דאס ווי נאר דער ערשטער גערודער איז אריבער האט די רעאלע בעציהונג פון די קרעפטען ווידער פערנומען איהר געוועהנליכען ארט. דערצו איז דער דאקטאר לאסאל געניג קלוג אויף צו פערשטעהן דאס אומענדערען די רעאלע בעציהונגען פון די קרעפטען קען נור דער, ווער עס איז שטארקער, אדער אנדערס געזאגט, יעדע רעגירונג, וועלכע האט אין איהר רשות די רעאלע קרעפטען פון לאנד — די ארמעע, פינאנסען און דעם גאנצען רעגירונג-מעכאניזם — קען נאר זי אליין זיך אראפווארפען און בטל מאכען. און אט פאר וואס איז דער ליבעראליזם „וועלכער איז אזוי בעשיידען און האלט אונטער אזוי בעשיידען און בתמימות דעם פאלשען חשבון פון די פירסטען וועגען זייערע קרעפטען", דער ערגסטער און געפעהרליכסטער אויפהעצער פון דער דעמאקראטיע און פון דער רעוואלוציאן; אט פאר וואס אונז פרעהט זעהר דיזע אינטערעסאנטע ערשיינונג, ווען די פארטיי פון די איבערקערענים ווארפט אראפ די מאסקע פון אונטערטהעניגקייט און געזעטצפערטיגקייט און טרעט ארויס אפען געגען דער קרוין. די קרוין, וועלכע איז געשענקט פון גאטס גנאדען, זיצט אזוי שטארק אויף די קעפ פון די קסרים, דאס קיין אנדער האנד, הוץ זייער אייגענע איז ניט אים שטאנדע איר אראפ צו נעהמען. די אמת'ע געפאהר פאר דער קרוין איז נאר די פאלשע און צבויקישע טאקטיק, וועלכע האפט מיט אבנארעריי צו צווינגען די קיסרים

זיך פריוויליג אבצוזאגען פון זייער קרוין („די נייע פרייסישע צייטונג". לייט-ארטיקעל פון 8-טען יוני 1862"). דיזער ארטיקעל איז געווען ספעציעל געווענדעט צום קעניג, וועלכער איז נאך אלץ געווען אין א ספק צו ער זאל זיך איבערגעבען מיט לייב און זעלע צו דער „קרייז-צייטונג", צוליעב דעם זעלבען צוועק האט זי אויך ארויסגעזאגט דעם מיינונג דאס יעדער רעגירונג „קען נור אליין זיך אראבווארפען און זיך בטל מאכען". אויף פראסט דייטש האט דאס בעדייטעט: קיינע קאמפראמיסען און קיין זאך ניט נאכגעבען אין פארלאמענט, אייער מאיעסטעט! יעדער נאכגעגעבענער שריט איז א בעווייז פון שוואכקייט און בריינגט צו ווייטערדיגע שריט אויף דעם זעלביגען וועג און סוף כל סוף בריינגט עס צו א פערניכטונג פון דער מאכט, וועלכע גאט אליין האט גיגעבען. דעריבער האלט זיך שטייף, קעניג! דיזער שטענדיג איבער געחזר'טער אויפרוף איז ניט געבליבען, ווי עס איז בעקאנט, אן אן אבקלאנג. דער מיינונג, אז די דעמאקראטיע האט אין דעם 1848 יאהר ניט געזיעגט, איז א רעאקציאנערע בלבול, פאקטיש איז די אבסאליוטיסטישע מאכט „פון גאטס גנאדען" געפאלען דעם 19 מערץ 1848 יאהר. און אויב זי איז אין גיבען צו זיך געקומען, איז דאס נור צוליעב דעם, ווייל די ליבעראלע בורזשואזיע איז ניט געווען אים שטאנדע אויסצונוצען אזא גרויסען נצחון. אנשטאט צו בעזארגען פאר זיך וואס גיכער די פאקטישע מאכט, האבען זיי זיך געקריעגט וועגען פארמאליטעטען אזוי לאנג, ביז וואנען זיי האבען דורכגילאזען דעם גינסטיגען מאמענט צו שאפען א פעסטען גרונד פאר די געשריבענע קאנסטיטוציע. אויספיהרליכער וועגען דעם געפינט זיך אין דער בראשורע גופא. עס וואלט געווען זעהר אינטערעסאנט צו וויסען ווי אזוי די צוהערער פון די ליבעראלע פעראיינען פון בערלינער קרייזען האבען מקבל פנים גיווען דיזע רעדע, וועלכע לאסאל האט דארטען געהאלטען. אין די

ציימונגען, וועלכע דער שרייבער פון דיזע ציילען האט געזעהען, ווערט וועגען דעם נאר גישט דערמאהנט. די ארטיגע חראניק פון די בערלינער ציימונגען צו יענער צייט איז געוועזען איבער-הויפט זעהר שוואך ענטוויקעלט, און דארט וואו עס איז געוועזען א רייד וועגען דער פאליטיק, האט מען מעהר ניט גירעט ווי וועגען דעם וואהל-קאמפף. נאר לאסאלס רעדע איז ניט געוועזען א וואהל-קאמפפס רעדע. די פראגרעסיסטישע ציימונגען האבען איר פאלקאם ארונטערגעמאכט אונטערן האנד, אונ מען האט אויף איר געמאכט אויפמערקזאם נאר דאן ווען זי איז שוין געוועזען אבגעדרוקט.

ע"ד בערנשטיין.

מיינע הערען!

איך בין געלאדען צו האלטען א רעדע אין דיזער גע־עהרטער פארזאמלונג. די זאך, וועגען וועלכער איך וויל איצט ריידען, אינטערעסירט איצט אייך אלעמען גאנץ שטארק. איך וויל ריידען וועגען דעם עיקר פון דער קאנסטיטוציע

איך מאך אייך, מיינע הערען, פאראויס אויפמערקזאם, אז מיין רעדע וועט זיין שטרענג וויסענשאפטליך, פון דעסטוועגען, אדער, ריכטיגער געזאגט טאקי דעריבער וועט יעדערער זיין אים שטאנד איהר אויסצוהערען פון אנהייב ביז'ן סוף און גוט פארשטעהען, דען, מיינע הערען, די אמת'ע וויסענשאפטליכקייט פון יעדער חקירה—עס שאדט ניט וועגען דעם צו דערמאנען—באשטעהט מעהר ניט ווי אין יענער קלארקייט, אין יענער דייטליכקייט פון געדאנק, וועלכע דרינגט ארוים טריט ביי טריט אלץ פון זיך אליין, ניט אנגעמענדיג דערביי קיין שום זאך אלס באוואוסט פון פריהער; מעהר ניט אזא דייטליכקייט איז אים שטאנד אין גאנצען צו באהערשען די אויפמערקזאמקייט פון יעדען צוהערער.

דיזע קלארקייט פון געדאנק פאדערט ניט קיין שום פאראויסאנגענומענע איבערציינגונגען ביי'ם צוהערער. פארקעהרט, באשטעהענדיג, ווי איך האב שוין געזאגט, גרא־

דע אין דעם, וואס עס פעהלט א וואסערע גיט איז זאך, וועלכע זאל אנגענומען ווערען אלס באוואוסט פון פריהער, און וואס יעדע זאך ווערט ארויסגעדרונגען פון זיך אליין, פארטראגט זי זיך ניט מיט קיין שום פאראויסאנגענומענע איבערצייגונגען. זי גראדע פאדערט, אז די צוהערער זאלען מיט זיך ניט מיטברייגען קיין שום פעסטע איינשמועסונגען, אז ווי אפט זיי זאלען ניט טראכטען און קלערען וועגען דער זאך, זאלען זיי איהר איצט דערפארשען פון דאס ניי, אזוי ווי זיי וואלטען וועגען איהר גאר ניט וויסען באשטימט; אז זיי זאלען לכל הפחות אויף דער צייט פון דער אונטערזוכונג אין גאנצען פארגעסען אן אלצדינג, וואס זיי זיינען געוואוינט צו טראכטען וועגען דער זאך.

אלזא איך הויב אן מיין רעדע מיט דער פראגע, וואס איז דאס אזיינעס א קאנסטיטוציע? וואס איז דער עיקר, דער תוך פון א קאנסטיטוציע?

אין דער לעצטער צייט וואו איהר געהט און שטעהט רעדט מען כסדר פון פריה ביז שפעט וועגען א קאנסטיטוציע, אין אלע צייטונגען, אין אלע זשורנאלען, אין יעדער געזעלשאפט, אין יעדער שענק און ביר-הויז שמועסט מען כסדר נאר וועגען א קאנסטיטוציע.

און דאך באטש דער עולם רעדט אזוי פיל וועגען דעם, פון דעסטוועגען האב איך שטארק מורא, אז ווען איך זאל וועמען פרעגען ערנסט, אין וואס באשטעהט דער עיקר, דער באגריף פון א קאנסטיטוציע, וועלען גאנץ ווייניג קענען געבען א ריכטיגען ענטפער אויף דעם.

פילע וועלען ביי דיזער פראגע געפינען פאר נויטיג צו באפען א באנד פון די פרייסישע געזעצען פון 1850-טען

יאהר און דארטען איבערלייענען וועגען דער פרייסישער קאנסטיטוציע.

אבער איהר אליין פארשטעהט דאך, אז דארטען קען ניט שטעהען קיין ענטפער אויף מיין פראגע. אין דעם בוך קענט איהר דאך מעהר ניט געפינען דעם *באזונדער'ן אינהאלט* פון *איין* קאנסטיטוציע, פון דער פרייסישער קאנסטיטוציע. פארשטעהט זיך אבער, אז דאס ענטפערט ניט אויף מיין פראגע, אין וואס באשטעהט דער עיקר פון א קאנסטיטוציע בכלל, וואס פארשטעהט זיך אין אלגעמיינעם אונטער דעם ווארט „קאנסטיטוציע".

ווען איך זאל דאס פרעגען א יוריסט, וועט ער מיר ענטפערען: א „קאנסטיטוציע איז א'ן אבמאך, א געשווארענער קאנטראקט צווישען דעם קייזער און דעם פאלק, א'ן אבמאך, וועלכער באשטימט די גרונד-פרינציפען פון דער געזעצגעבונג און פון דער פיהרונג פון דער מדינה". אדער אזוי ווי עס איז דאך פאראן רעפובליקאנישע קאנסטיטוציעס, דעריבער וועט דער יוריסט געבען א מעהר אלגעמיינע באשטימונג: „א קאנסטיטוציע איז א'ן אויסגערופענער גרונד-געזעץ פון דער מדינה, א געזעץ, וואס באשטימט די ארגאניזאציע פון די עפענטליכע רעכטען אין דער מדינה".

אבער אויך די און נאך אזעלכע ריין-יוריסטישע ערקלערונגען זיינען פונקט אזוי ווייט פון דעם ריכטיגען ענטפער אויף מיין פראגע, ווי דער פאריגער ענטפער. אלע אזעלכע ערקלערונגען זיינען מעהר ניט ווי א אויסערליכע באשרייבונג פון דעם, *ווי מען מאכט א קאנסטיטוציע* און וואס די קאנסטיטוציע האט צו טאן, אבער זיי ערקלערען אונז ניט, *וואס איז דאס אזוינעס* א קאנסטיטוציע. זיי גיבען אונז מעהר ניט די סמנים, נאך וועלכע מען קען אויף א אויסער-

ליבען און רעבּטליבען אויפ'ן דערקענען א קאנסטיטוציע, אבער זיי זאגען אונז אין קיין פאל ניט, אין וואס באשטעהט דער באגריף, דער עיקר פון א קאנסטיטוציע. און ווי לאנג מיר וויסען ניט דעם עיקר פון א קאנסטיטוציע, קענען מיר אויך ניט וויסען, צו איז גוט, צו שלעכט, צו איז מעגליך, צו איז אונמעגליך, צו איז פעסט אדער שוואך די אדער יענע קאנסטיטוציע. וועגען דעם אלעם וואלטען מיר געקענט אורטיילען נאר דאן, ווען מיר וואלטען געוואוסט, וואס איז דער עיקר פון א קאנסטיטוציע בכלל, נאר דאן וואלטען מיר געקענט זאגען, אויף וויפיל די אדער יענע קאנסטיטוציע איז צוגעפאסט צו דיזען עיקר אדער אין וואס פאר א בעציהונג זיי געפינען זיך איינער צום אנדערען. אבער וועגען דיזען עיקר זאגען אונז גארנישט די אלע יוריסטישע אויסערליכע באשטימונגען, וועלכע פאסטען גלייך צו יעדער בויגען פאפיר, וועלכער איז אונטערגעשריבען פון דעם פאלק, אדער פון דעם פאלק מיט זיין קייזער, און וועלכען מען האט ערקלערט אלס א קאנסטיטוציע, ניט קוקענדיג אויף זיין אינהאלט. מעהר ניט דער באגריף פון דער קאנסטיטוציע בילדעט דעם קוואל פון דער גאנצער קאנסטיטוציאנער קונסט און פון דער גאנצער קאנסטיטוציאנער חכמה, וועלכע וואקסען ארויס פון איהם גאנץ פשוט אהן א שום מיה, ווי איהר וועט זיך באלד איבערצייגען, באלד ווי מיר וועלען נאר דערגעהן דיזען באגריף.

מיר וויסען דאס נאך נישט, ווייל מיר דארפען געפינען אין ענטפער, זוכענדיג איהם אלע צוזאמען. כדי איהם צו געפינען, לאמיר באנוצען א מעטאדע, צו וועלכער מען מוז זיך שטענדיג ווענדען, ווען מען וויל קריגען א קלארען באגריף וועגען א וועלכער עס איז זאך. דיזע מעטאדע איז

זעהר איינפאך, מיינע הערען. זי באשטעהט אין דעם, וואס מיר פארגלייכען די זאך, פון וועלכער מיר זוכען דעם באגריף, מיט א צווייטער זאך, וואס איז אין פלוג גלייך צו איהר, און באמיהען זיך וואס קלארער און שארפער ארויסצוגעפינען דעם אונטערשייד, וואס עקסיסטירט צווישען זיי ניט קוקענדיג אויף זייער גלייכארטיגקייט.

זיך ווענדענדיג צו דיזער מעטאדע, שטעל איך די פראגע: וואס איז דער אונטערשייד צווישען א **קאנסטיטוציע** און א **געזעץ**?

א קאנסטיטוציע און א געזעץ זיינען אין פלוג נאך זייער עצם גאנץ גלייכארטיג. א קאנסטיטוציע מוז האבען די קראפט פון א געזעץ, דאס הייסט, אז זי מוז זיין אויך א געזעץ, אבער זי מוז אויך זיין ניט נאר א געזעץ, זי מוז זיין **מעהר** ווי א געזעץ, דאס הייסט, אז עס איז יע דא א אונטערשייד צווישען זיי. הונדערטע פאקטען דערוויזען אונז, אז עס איז אין אמת'ן טאקי פאראן א'ן אונטערשייד, אז א קאנסטיטוציע מוז זיין **ניט** **פראסט** א געזעץ, נאר מעהר ווי א געזעץ.

איהר האט צ. ב. גארניט אנטקעגען דעם, וואס מען גיט ארויס נייע געזעצען. פארקעהרט, איהר ווייסט, אז עס איז נויטיג, אז כמעט אלע יאהר זאלען ארויסגעהן מעהר אדער ווייניגער נייע געזעצען. איהר ווייסט אבער אויך גאנץ גוט, אז מען קען ניט ארויסגעבען קיין איין געזעץ, ניט פארענדערנדיג די עקסיסטירענדע געזעצליכע פערהעלטניסען. א נייער געזעץ, וואס ברענגט ניט אריין קיין שום פארענדערונג אין דעם עקסיסטירענדען געזעצליכען ארדנונג, וואלט געווען נאר איבריג, און וואלט קיין מאל ניט ארויסגעגעבען געווארען. אלזא איהר געפינט קיין שום שאדען ניט אין דעם,

וואס מען בייט אום די געזעצן, נאר פארקעהרט, איהר האלט בכלל דיזע אומבייטונג פאר א ריכטיגע אויפגאבע פון די מלוכה'שע איינריכטונגען. אבער לאז מען נאר פרובירען אנריהרען די קאנסטיטוציע: „גוואלד" וועט איהר שרייען, „ריהרט ניט די קאנסטיטוציע". פאר וואס איז דאס אזא אונטערשייד?

דיזער אונטערשייד איז אויף אזוי פיל א בעשיינפערליכער, אז אין אנדערע קאנסטיטוציעס שטעהט בפירוש געשריבען, אז די קאנסטיטוציע קען גאר ניט ווערען אומגעביטען, אין איינינגע קאנסטיטוציעס ווערט באשטימט, אז נאר 2/3 שטימען פון פארלאמענט קענען איהר אומבייטען, אבער ניט א געוואוינליכע מעהרצאהל פון שטימען. ווירער אין אנדערע קאנסטיטוציעס זאגט זיך, אז דער פארלאמענט אפילו מיט אלע איבעריגע הויפט-פיהרער פון דער מלוכה קענען ניט אריינטראגען קיין שום פארענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע, זיי קענען מעהר ניט פארלייגען צו מאכען פארענדערונגען, אבער כדי אויסצופיהרען דיזע פארענדערונגען מוז אויסגעקליבען ווערען א באזונדערע פארזאמלונג פון דיא פארשטעהער פון פאלק.

דיזע אלע פאקטען ווייזען אונז דייטליך, אז אלע פעלקער קוקען אויף א קאנסטיטוציע מעהר ווי אויף א געוואוינליכען געזעץ, זי איז אין זייערע אויגען פעסטער, הייליגער פאר אלע איבעריגע געזעצען.

איך פרעג אלזא ווידער, אין וואס באשטעהט דער אונטערשייד צווישען א קאנסטיטוציע און א'ן איינפאכען געזעץ?

אויף דיזע שאלה ענטפערט מען אונז געוואוינליך אזוי: א קאנסטיטוציע איז ניט סתם א געזעץ, ווי יעדער אנדערער, זי איז א גרונד געזעץ פון דער מדינה. עס קען גרייליך זיין, מיינע הערען, אז אין דיזען ענטפער ליגט אין פארבארגענער געשטאלט דער אמת. אבער די געשטאלט איז אזוי ניט קלאר,

אז דער גאנצער ענטפער ברייננט קיין שום פעולה ניט. באלד הייבט זיך אויף א נייע פראגע: „טא וואס איז דער אונטערשייד פון א געוואוינליכען געזעץ ביז א גרונדגעזעץ?" הייסט דאס, אז מיר שטעהען נאך פארט אויף דעם זעלביגען ארט, ווי פריהער, מיר האבען מעהר ניט באקומען א נייעם ווארט „גרונדגעזעץ"; אבער ער העלפט אונז אויף א האר נישט כל־זמן מיר ווייסען ניט, וואס פאר א אונטערשייד עס עקסיסטירט צווישען א גרונדגעזעץ און א פראסטען געזעץ.

לאמיר פרובירען, אפשר וועלען מיר דערגעהען דעם עיקר, אויב מיר וועלען נאכפארשען, וואס פאר א פארשטעלונגען ליגען אין ווארט „גרונדגעזעץ"? מיט וואס דארף זיך אזא גרונדגעזעץ אונטערשיידען פון א געוואוינליכען געזעץ, כדי מיר זאלען איהם קענען געבען דעם נאמען „גרונדגעזעץ"?

ווי זיין נאמען גופא באווייזט, מוז אזא געזעץ זיין:

1) א טיפערער, א וויכטיגערער, ווי א'ן אנדער געזעץ, א געוואוינליכער. חוץ דעם מוז ער אויך 2) אלס א גרונדגעזעץ זיין דער יסוד פון אלע געזעצען, דער פונדאמענט, אויף וועלכען אלע איבעריגע געוואוינליכע געזעצען ווערען געבויט, ער מוז אלזא דורכגעהן, ווירקען אין אלע איבעריגע געזעצען. אבער אלץ, וואס האט א גרונד, א פונדאמענט, קען שוין ניט נאך אונזער רצון זיין אזוי אדער אנדערש, עס מוז זיין פונקט אזוי ווי עס איז. זיין פונדאמענט, זיין שורש לאזט איהם ניט זיין אנדערש. נאר מיט א זאך, וואס האט קיין פונדאמענט ניט אונטער זיך, קען זיך טרעפען, אז אמאל איז זי אזוי און אמאל אנדערש; אבער יעדע זאך, וואס האט אונטער זיך א גרונד, מוז דוקא זיין אזוי. למשל, מיר זעהען, אלע פלאנעטען האבען א באשטימטען גאנג; דיזער

גאנג אדער ער האט א גרונד וואס באשטימט איהם אדער ניט. אויב ער האט ניט קיין גרונד, איז ער א צופעליגער און קען זיך אלע וויילע אומבייטען. אבער אויב ער האט יע א שטענדיגען גרונד, א שטענדיגע אורזאך, און ווי די וועלט-חכמים, די נאטורפארשער זאגען טאקי, אז די אורזאך פון דער באוועגונג איז די צוציהונגס-קראפט פון דער זון, דאמאלסט קען שוין די באוועגונג פון די פלאנעטען בשום אופן זיך ניט אומבייטען, זי קען ניט זיין אנדערש ווי זי איז איצט, כל-זמן אויף איהר ווירקט די זעלביגע אורזאך, די צוציהונגס-קראפט פון דער זון. אלזא, אין דער פארשטעלונג וועגען א אקטיווער נויטווענדיגקייט, וועגען א טעטיגער קראפט, וועלכע מאכט די זאך דוקא אזוי ווי זי איז. אלזא, אויב די קאנסטיטוציע איז דער גרונדגעזעץ פון לאנד, איז זי, ווי מיר האבען דערווייל געפונען, די טעטיגע קראפט, וועלכע מאכט אלע אנדערע געזעצען און רעכטליכע איינריכטונגען פון לאנד דוקא אזוי, ווי זיי זיינען — דאס איז פאר אונז דער ערשטער שטראהל פון ליכט, מיינע הערען — אזוי, אז פון איצט אן קענען ניט ארויסגעגעבען ווערען קיין אנדערע געזעצען, אויסער דיזע.

אבער צו איז פאראן אין לאנד עפעס אזא מין זאך, מיינע הערען, — ביי דיזער פראגע הייבט זיך אן ביסלאכווייז באראשפרייטען פאלקאמע ליכט, — צו איז פאראן אין לאנד עפעס אזא מין זאך, אזא מין באשטימענדער, טעטיגער כח, וואס זאל ווירקען אויף אלע געזעצען, וואס ווערען ארויסגעגעבען אין לאנד, אזוי, אז זיי זאלען ביז צו א געוויסען גראד זיין דוקא אזוינע און בשום אופן ניט קיין אנדערע?

יע, געוויס, מיינע הערען, אזא זאך איז דא און דאס

איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די פאקטישע בעציהונגען צווישען אלע כחות, וואס געפינען זיך אין דיזער אדער יענער געזעלשאפט.

אט דיזע פאקטישע בעציהונגען צווישען אלע כחות, וואס עקסיסטירען אין יעדער געזעלשאפט, זיינען דאס דער אקטיוו-טעטיגער כח, וועלכער באשטימט אלע געזעצען און רעכטליכע איינריכטונגען פון דער געזעלשאפט און מאכט זיי אזוי, אז אין זייער אלגעמיינער געשטאלט קענען זיי ניט זיין אנדערש ווי זיי זיינען און ווי מיר זעהען זיי איצט פאר אונזערע אויגען.

איך וועל אייך דאס ערקלערען מיט א ביישפיל. הגם אין אזא מין געשטאלט, ווי איך שטעל איהם אייך איצט פאר, קען ער זיך קיין מאל ניט טרעפען; אבער שוין, ניט ריידענדיג וועגען דעם, וואס ווייטער וועלען מיר אפשר זעהן, ווי דיזער ביישפיל איז מעגליך אין אן אנדער געשטאלט, איז דער עיקר איבערהויפט ניט אין דעם, צי אזא זאך קען יע פאסירען, צי ניט, נאר מעהר ניט, אין דעם, אז אויף דיזען ביישפיל זאל מעגליך זיין צו דערפארשען דעם עצם-כאראקטער פון די ערשיינונגען, וועלבער וואלט זיך ארויסגעוויזען, אויב דיזער ביישפיל וואלט פארגעקומען.

איהר ווייסט, מיינע הערען, אז ביי אונז אין פרייסען האט נאר יענער געזעץ א קראפט, וועלבער איז איינגעשריבען אין דער זאמלונג פון געזעצען (סוואד זאקאנאוו). דיזע זאמלונג פון געזעצען ווערט געדרוקט אין דער קייזערליבער הויפט-דרוקעריי פון דעקער. די אריגינאלען פון די געזעצען באהאלט מען אין די קייזערליבע ארכיווען. די געדרוקטע זאמלונגען פון די געזעצען געפינען זיך אין אלע אנדערע ארכיווען, ביבליאטעקען און בוכהאנדלונגען.

שטעלט זיך פאר, אז עס איז מיט אמאל געווארען א שרעקליכע שרפה, אזא מין שרפה, ווי עס איז צ. ב. געווען אין האמבורג, און עס ווערען פארברענט די אלע קייזער־ליכע ארכיוען, ביבליאטעקען, בוכהאנדלונגען און דעקער'ס קייזערליכע הויפט־דרוקעריי. שטעלט זיך נאר פאר, אז אזא מין זאך האט זיך געטראפען ניט נאר אין בערלין אליין, נאר אין אלע שטעדט פון פרייסען, אז עס זיינען פארברענט געווארען אפילו אלע פריוואטע ביבליאטעקען, וואו עס האבען זיך נאר געפונען זאמלונגען פון געזעצען, אזוי, אז אין גאנץ פרייסען איז ניט איבערגעבליבען קיין איין געזעץ אין א ריכטיגער געשטאלט.

אויף אזא אופן וואלט די לאנד פארלארען אלע איהרע געזעצע און וואלט זיך געמוזט נעהמען מאכען נייע געזעצען.

אבער ווי מיינט איהר, מיינע הערען? וואלט מען גע־קענט אין דיזען פאל טאן ווי עס וואלט זיך פארגלוסט, אנ־מאכען אזוינע נייע געזעצען, ווי עס וואלט יעדערען אריינפא־לען אין זינען? לאמיר א קוק טאן.

למשל איהר וואלט געזאגט אזוי: די אלטע געזעצען זיינען פארניכטעט געווארען און מיר דארפען מאכען נייע גע־זעצען, וועלען מיר איצט שוין ניט געבען דער מאנארכיע אזעלכע רעכטען, ווי פריהער, אדער מיר וועלען איהר איצט טאקי גאר קיין רעכטען ניט געבען.

וואס זשע, מיינט איהר, וועט דער קיסר אויף דעם זאגען? ער וועט גאר פשוט אזוי זאגען: די געזעצען זיינען פארברענט געווארען, טא וואס איז? פאקטיש האב איך א ארמיי, וועלכע פאלגט מיר, געהט וואוהין איך וועל איהר נאר הייסען, פאקטיש וועלען אלע קאמענדאנטען פון די ארסינאלען און קאזארמעס ארויסגעבען הארמאטען אויף מיין

ערשטען באפעהל און די ארטילעריע וועט ארויספיהרען די הארמאטען אויף די גאסען, און האבענדיג אזא פאקטישען כח, פאדער איך, אז איהר זאלט מיר געבען די זעלבינע רעכטען, וואס איך האב געהאט פריהער.

איהר זעהט, מיינע הערען, — דער קיסר, וועלכער האט חיל מיט הארמאטען, איז א טייל פון דער קאנסטיטוציע.

אדער, צום ביישפיל, איהר וואלט זיך אזוי געזאגט: אין פרייסען איז פאראן 18 מיליאן איינוואוינער, און צווישען די 18 מיליאן געפינט זיך א קליינער הייפעלע פריצים, רייכע ערד-בעזיצער. מיר פארשטעהען ניט, פאר וואס אזא קליינער הייפעלע רייכע ערד-בעזיצער זאל האבען פונקט אזא מאכט, ווי אלע 18 מיליאן איינוואוינער צוזאמען; פאר וואס זאל דאס זיין אזוי, אז זיי זאלען בילדען א בעזונדערע פארזאמלונג, די „הויז פון די הערען", וועלכע זאל האבען דאס רעכט צו באטראכטען אלע געזעצען, וואס ווערען ארויסגעגעבען פון פארלאמענט, וועלכען עס קלייבט אוים דער גאנצער פאלק, און זיי צו פארניכטען, אויב נאר די געזעצען זיינען טאקי עפעס ווערט און געפעלען ניט, פארשטעהט זיך, דעם קליינעם הייפעלע פון די פריצים. למשל, איהר וואלט א טראכט טאן און זאגען: מיר זיינען אויך אזעלכע יחסנים, ווי זיי, מיר ווילען פארניכטען די פארזאמלונג פון די הערען.

עס איז קיין שום ספק ניט, מיינע הערען, אז די ערד-בעזיצער וואלטען ניט געקענט ארויספיהרען געגען אייך זייערע בויערען, ניבער פון אלץ וואלטען זיי אליין דארפען זעהען צו אנטלויפען פון זייערע בויערן.

אבער די רייכע פריצים האבען שטענדיג געהאט א ווירקונג אויפ'ן קיסר און זיין הויף, און האבענדיג אזא צד אין

טיש, וואלטען זיי גאנץ גרינג קענען ארויספיהרען געגען אייך חיל מיט הארמאטען, פונקט ווי צו זיי אליין וואלט געהערען דער חיל.

איהר זעהט אלזא מיינע הערען, די רייכע ערד-בעזיצער, דער אדעל, וואס האבען א ווירקונג אויפ'ן קיסר און זיין הויף, זיינען אויך א טייל פון דער קאנסטיטוציע.

שטעלט זיך איצט פאר די זעלבע זאך פארקעהרט. למשל, דער קיסר מיט דעם אדעל וועלען איבער א נייס וועלען איינפיהרען די מיטעלאלטערליכע צעכען, און איינפיהרען ניט נאר אין די קליינע מלאכות, ווי מען האט טאקי אין אמת'ן געוואלט מאכען מיט איניגע יאהר צוריק, נאר פונקט אין די איינענע גרענעצען ווי מיטעלאלטער, ד. ה. אין דער גאנצער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן, אלזא אויך אין דער ג ויסער פאבריק-אינדוסטריע, אין דער מאשינען-פראדוקציאן. איהר ווייסט, מיינע הערען, אז ביי די אמאליגע צעכען האט דער גרויסער קאפיטאל ניט געקענט פראדוצירען, די גרויסע פאבריק-אינדוסטריע, די פראדוקציאן מיט מאשינען האט ניט געקענט עקסיסטירען. ווארים די צעכען האבען אבגעטיילט איין ארבייט פון דער אנדערער, איין מלאכה פון דער צווייטער, כאטש די מלאכות האבען געהאט א שייכות איינע מיט די אנדערע און זיינען געוועזען זעהר ענליך איינע צו די אנדערע. איין אונטערנעהמער האט ניט געטארט האלטען פארשיידענע בעלי-מלאכות. דער טאפעצירער, צום ביישפיל, האט ניט געטארט האלטען ביי זיך קיין פארבער; די שמידען פלעגען זיך שטענדיג קריגען מיט שלאסערעס וועגען זייער ארבייט; א אויוועגמאכער האט ניט געטארט רייניגען זיינע איינענע קוימענס א. ז. וו. אחוץ דעם האט דער געזעץ גענוי באשטימט די גרויס פון דער פראדוקציאן פון יעדער אונטערנעהמער,

און אין יעדער שטאדט, אין יעדער מלאכה האט יעדער מייסטער געדארפט האלטען נאר א בעשטימטע צאהל ארבייטער און ניט מעהר.

איהר זעהט, אז שוין צוליעב דיזע צווייי כבות וואלט ביי די צעכאווע ארדנונגען די גרויסע פראדוקציאן, די פראדוקציאן מיט מאשינען, ניט געקענט דורכעקסיסטירען קיין איין טאג. די גרויסע פראדוקציאן פאדערט:

1) די פאראייניגונג פון פארשיידענע פראדוקציאנסצווייגען אין די הענד פון איין גרויסען קאפיטאליסט;

2) א מאסענפראדוקציאן און פרייע קאנקורענץ, ד. ה. אלזא א אונבאגרענעצטע באנוצונג פון ארבייטס-קרעפטען,

וואס זשע וואלט ארויסגעקומען, אז מען וואלט איצט וועלען ניט אנדערש איינפיהרען די אמאליגע צעכען?

די הערען בארזיג, ענגעלס און די איבריגע גרויסע באוועל-זיידען-שטאל-פאבריקאנטען וואלטען פארמאכט די פאבריקען, פארנאנדער געלאזען זייערע ארבייטער; אפילו די דירעקציע פון די אייזענבאהנען וואלט אויך געמוזט טאן די אייגענע זאך: דער האנדעל און די אינדוסטריע וואלטען זיך אבגעשטעלט; א סך מלכות וואלטען טיילווייז פון נויט, טיילווייז מיט'ן גוטען ווילען פארנאנדערגעלאזען זייערע פועלים; די גאנצע מורא'דיגע מאסע פון פאלק וואלט ארוים אין די גאסען און געפאדערט ברויט און ארבייט; הינטער דער מאסע וואלט געשטאנען די גרויסע בורזשואזיע, פארנאנדערהיצענדיג איהר מיט איהר ווירקונג, אויפמונטערענדיג מיט איהר באדייטונג, אונטערשטיצענדיג מיט איהר געלד, און עס וואלט פאנאנדערגעפלאקערט אזא קאמפף, וואו דער קיסר מיט זיינ'ן חיל וואלטען זיך געמוזט אונטערגעבען.

איהר, זעהט מיינע הערען, אז בארזיג, ענגעלס,

איבערחויפּט די גרויסע קאפּיטאליסטען זיינען אויך א טייל פון דער קאנסטיטוציע.

אדער, למשל, ווען די רעגירונג וואלט וועלען אננעמען א תּקנה, וואס באריהרט שטארק די אינטערעסען פון די גרויסע באנקירען, — לאמיר אננעמען, אז די רעגירונג וואלט אזוי למשל, געזאגט: דער פּרייסישער קייזערליכער באנק דארף ניט דינען ווי ער דינט איצטער, נאר פאר די רייכע באנקירען און קאפּיטאליסטען, וואס האבען שוין אהן דעם אויך א סך געלט און קענען באקומען קרעדיט פאר זעהר קליינע פּראצענטען אין באנק; דער קייזערליכער באנק דארף ניט זיין מאכען נאך ביליגער דעם קרעדיט, ער דארף דינען דערצו, אז צום קרעדיט זאל באקומען א צוטריט ארעמע און מיטעלע מענשען, דעריבער דארף מען איהם אזוי ארגאניזירען, אז ער זאל געבען אזא רעזולטאט. ווי מיינט איהר, וואלט דאס אויסגעפיהרט געווארען?

אמת, מיינע הערען, קיין אויפשטאנד וואלט דאס אפילו ניט ארויסגערופען, נאר פון דעסטוועגען וואלט דאס פאר דער היינטיגער מלוכה דאך געווען אונמעגליך.

די רעגירונג, מיינע הערען, דארף אפט האבען אזוינע סומעס געלד, אזא מאסע געלד-מיטלען, וועלכע זי וואגט ניט צו פאדערען אין דער געשטאלט פון אבצאהלונגען. אין אזוינע פאלען הויבט זי אן צו לעבען אויפ'ן חשבון פון די קומענדיגע הכנסות, ד. ה. זי מאכט אנלייהען און גיט ארויס פאר זיי קייזערליכע פּאפּירען, צו דערצו דארף זי האבען די גרויסע באנקירען. הגם, מיט דער צייט נעהמען דאס רוב פּאפּירען ווידער איבער צו דעם גאנצען פארמעגענדען קלאס פון פאלק און צו די קליינע קאפּיטאליסטען, אבער דאס פאדערט צייט, אפטמאל א סך צייט. די רעגירונג אבער דארף האבען

די געלד די מינוט און מיט א מאל, אדער אין קורצע טערמינען; דערצו דארף זי האבען פארמיטלער, וואס זאלען איהר ארויסגעבען די גאנצע געלד פאר א מאל און זאלען שוין אויף זיך נעהמען ביסלעכווייז צו פארקויפען דעם פאלק די נייע־ארויסגעגעבענע מלוכה׳שע פאפירען, פארשטעהט זיך, מיט א גרויסען ריוח פאר זיך, אויפהייבענדיג קינסטליך אויף דער בירזשע דעם מקח פון די פאפירען. אזא מין סארט פארמיטלער זיינען די גרויסע באנקירען און דעריבער קען איצטער די רעגירונג מיט זיי זיך ניט צוקריגען.

אלזא, איהר זעהט, מיינע הערען, אז די באנקירען מענדעלסאן, שיקלער און איבערהויפט די בירזשע זיינען אויך א טייל פון דער קאנסטיטוציע.

אדער, למשל, ווען די רעגירונג וואלט וועלען ארויסגעבען אזא מין געזעץ, ווי דהיינו דער כינעזישער, אז פאר א גנבה פון א זוהן זאל מען באשטראפען דעם טאטען. אזא מין אונטערנעהמונג וואלט אויף קיין שום אויפן ניט אויסגעפיהרט געווארען, ווארום געגען אזא געזעץ וואלטען געווים געווען די אלגעמיינע ענטוויקלונג, דער אלגעמיינער פארשטאנד. אלע בעאמטע, אפילו די גענערעלער און שטאאטס-סעקרעטארען וואלטען מאכען געוואלדען וועגען דעם געזעץ, אפילו די מיטגלידער פון „הויז פון די הערען" וואלטען אויך געווים ניט איינשטימען אויף דערויף. אלזא, איהר זעהט, מיינע הערען, אז ביז צו א געוויסען גראד איז די אלגעמיינע ענטוויקלונג, דער אלגעמיינער פארשטאנד אויך א טייל פון דער קאנסטיטוציע.

אדער, נעהמען מיר אן, די רעגירונג וואלט באשלאסען נאכצונעהמען די רייכע פריצים, די באנקירען און די גרויסע פאבריקאנטען, אבער דערפאר אבצונעהמען ביי דער קליינער

בורזשואזיע און ביי די ארבייטער זייער פאליטישע פרייהייט. וואלט זיך דאס איינגעגעבן דער רעגירונג, מיינע הערען? א, געוויס, מיינע הערען, אויף א קורצע צייט וואלט זיך דאס איינגעגעבן. מיר האבען שוין געזעהען, אז דאס גיט זיך יע איין, און מיר וועלען האבען ווייטער א געלעגענהייט זיך צוצוקוקען צו דעם.

אבער שטעלט זיך איצטער פאר אזא מין צופאל. מען האט באשלאסען צוצונעהמען ביי די ארבייטער און ביי דער קליינער בורזשואזיע ניט נאר זייער פאליטישע פרייהייט, נאר אויך די פערזענליכע פרייהייט, ד. ה. מען האט באשלאסען זיי צו ערקלערען פאר פערזענליך אונפרייע, פאר פאנשטשיזניקעס (לייב-אייגענע) אדער אונטערטאנען פון די ערד־בעזיצער, ווי דאס איז א מאל געוועזען אין א סך לענדער אין די ווייטע יאהרהונדערטען פון מיטעלאלטער. וואלט זיך דאס איינגעגעבן, מיינע הערען? ניין, דאס וואלט זיך ניט איינגעגעבן, כאטש דאס וואלט וועלען אי דער קיסר, אי די פריצים, אי די גאנצע גרויסע בורזשואזיע. ווארום איהר וואלט דאמאלסט זאגען: לאז מען אונז בעסער הרג'ענען, אבער דאס וועלען מיר בשום אופן ניט דערלאזען. אלע ארבייטער וואלטען דאן ארויס אויף די גאסען, אפילו ווען בארזיג און עגעלס וואלטען די פאבריקען ניט פארמאכט, די גאנצע קליינע בורזשואזיע וואלט זיי געגאנגען צו הילף און אזוי ווי זייער פאראייניגטען ווידערשטאנד וואלט געווען זעהר, זעהר שווער בייצוקומען, זעהט איהר שוין, מיינע הערען, אז א מאל אין גאנץ זעלטענע צופאלען זייט איהר אלע אויך א טייל פון דער קאנסטיטוציע.

אלזא, מיינע הערען, מיר האבען שוין דייטליך געזעהען, וואס עס איז אזוינעס די קאנסטיטוציע פון יעדער לאנד:

דאס איז די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון דיזער לאנד.

וואס זשע איז אויף אזא אופן דאס, וואס מיר רופ'ען שטענדיג אן א קאנסטיטוציע? וואס איז דאס אזוינעס א רעכט־ליכע קאנסטיטוציע? איצט זעהט איהר שוין אליין מיינע הער־רען, וואס דאס איז אזוינעס.

דיזע פאקטישע בעציהונג צווישען די כחות ווערען פארשריבען אויפ'ן פאפיר, ווערען אויסגעדריקט שריפטליך און פון דאן אן זיינען זיי שוין ניט פשוט פאקטישע בעציהונ־גען פון די כחות, זיי זיינען שוין רעכטען, רעכטליכע איינריכטונגען, און ווער עס געהט געגען זיי, ווערט באשטראפט.

פונקט' אזוי קענט איהר שוין איצט אליין פארשטעהען, מיינע הערען, ווי עס ווערט דורכגעפיהרט דיזע באשרייבונג פון די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות, וועלכע עס מאכט פון זיי רעכטליכע בעציהונגען.

פארשטעהט זיך, מען שרייבט ניט: העדר באָרזיג איז א טייל פון דער קאנסטיטוציע, העדר מענדעלסאָן איז א טייל פון דער קאנסטיטוציע א. ז. וו. מען דריקט דאס אויס אויף א פיל איידעלערען און געבילדעטערען אופן.

אויב מען וויל, צום ביישפיל איינפיהרען, אז א קליין ביסעלע גרויסע פאבריקאנטען און באנקירען דארפען האבען אין דער מאנארכיע אזא מאכט און נאך א גרעסערע, ווי אלע בירגער ארבייטער און בויערן צוזאמען, שרייבט מען דאס ניט פשוט און אפען, צו דיזען צוועק ניט מען בעסער ארויס אזא מין געזעץ, ווי למשל, — דער געשיינקטער דריי — קלא־סיגער וואהל געזעץ פון 1849־טען יאהר, דורך וועלכעי מען צוטיילט אלע איינוואוינער פון לאנד אויף דריי קלאסען אויס־

קלייבערס, לויט נאך דער גרויס פון די אבצאהלונגען, וואס יעדער קלאס טראגט און וואס ווערען באשטימט, פארשטעהט זיך, לויט נאך דער גרויס פון זייער פארמעגען.

לויט נאך די אפיציעלע צעטלען, מיינע הערען, וואס די רעגירונג האט צוזאמענגעשטעלט אין 1849 יאהר, באלד נאך דער איינפיהרונג פון דיזער דריי-קלאסיגער וואהל-אבצאהלונג, איז אין גאנץ פרייסען דאמאלסט געווען: 3,255,600 אויסקלייבערס, וועלכע זיינען איינגעטיילט געווארען אין דריי קלאסען אויף אזא אויפן:

צום ערשטען וואהל קלאס האבען אין

גאנץ פרייסען געהערט:	153,803	אויסקלייבערס.
צום צווייטען:	409,945	〃 〃
צום דריטען:	2,691,950	〃 〃

איך הער איבער נאך א מאל, מיינע הערען, אז דיזע ציפער זיינען גענומען פון די אפיציעלע צעטלען.

איהר זעהט אלזא, אז 153,808 זעהר רייכע לייט האבען אין פרייסען פונקט אזוי פיל פאליטישע מאכט ווי 2,601,950 בירגער, בויערן און ארבייטער; ווייטער, אז דיזע 153,808 זעהר רייכע לייט און 409,945 מיטעלע נגידים, וועלכע בילדען דעם צווייטען קלאס אויסקלייבערס, האבען פונקט צוויי מאל אזוי פיל פאליטישע מאכט, ווי דער גאנצער איבריגער פאלק אזוי, אז די 153,808 זעהר רייכע לייט און די העלפט פון 409,945 אויסקלייבערס פון צווייטען קלאס האבען שוין מעהר פאליטישע מאכט, איידער די אנדערע העלפט מיטעלע נגידים פון צווייטען וואהל-קלאס און די 2,691,950 פון דריטען צוזאמען.

פון דאנען זעהט איהר מיינע הערען, אז אויף אזא מין אופן באקומט מען סוף כל סוף דעם איינענעם רעזולטאט,

ווי ווען מען וואלט אין דער קאנסטיטוציע גאר אין שום קונ-
צען פשוט אנגעשריבען אזוינע מיני גראבע ווערטער: דער
רייכער דארף האבען 17 מאל אזוי פיל פאליטישע מאכט ווי
יעדער אנדערער בירגער, אדער פונקט אזוי פיל, ווי 17 אנ-
דערע בירגער.

איידער מ'האט ארויסגעגעבען דיזען דריי-קלאסיגען וואהל-געזעץ האט ביי אונז אין פרייסען עקזיסטירט א געזעצליך איינגעפיהרטער, לויט דעם געזעץ פון 8 אפריל 1848 יאהר, אלגעמיינער וואהלרעכט; יעדער בירגער, סיי רייכער, סיי ארימער, האט געהאט א גלייכען וואהלרעכט און א גלייכע פאליטישע מאכט א גלייכען רעכט צו נעהמען א'ן אנטייל אין דער באשטימונג פון ווילען און צוועק פון דער מלוכה. אין דערינען קענט איהר זעהן, מיינע הערען, א בעווייז צו מיינע פריהערדיגע ווערטער, אז ס'איז, ליידער, גרינג צוצונעהמען ביי אייך בירגער און ארבייטער, אייער פאליטישע פרייהייט, על-זמן מען ריהרט דירעקט ניט אן אייערע פערזענליכע רעכטען, אייער לייב און אייגענטום. איהר האט דערלאזען זיך רוהיג צוצונעהמען ביי אייך דעם וואהלרעכט, און עס איז אויך ביז היינט ניט צובאמערקען קיין שום אגיטאציע צווישען אייך אום איהם צוריק צו דערגרייכען.

ווייטער, אז מען וויל איינפיהרען אין דער קאנסטיטוציע, אז די קליינע ביסעלע פריצים, ערד-בעזיצער, זאלען האבען אזא מאכט, ווי אלע רייכע, פארמעגענדע און ארעמע צוזאמען, ווי אלע דריי קלאסען אויסקלייבערס צוזאמען, ד. ה. אזא מאכט, ווי די גאנצע איבעריגע נאציאן, זאגט מען דאס ווי-דער ניט אויף א אונגעבילדעטען מאניר, איינפאך און דייטליך, ווייל, פארשטעהט איהר מיך, מיינע הערען, וואס עס איז איינפאך און דייטליך, איז אונגעבילדעט און ניט איידעל. אין

דער קאנסטיטוציע וועט מען איינשרייבען: פון די פארשטעהער פון דעם אלטען אדעל מאכט מען א באזונדערע „הויז פון די הערען” און אהן דער הסכמה פון דער פאלאטע קען ניט ארויסגעגעבען ווערען קיין זאך, קיין געזעץ, וואס איז דורכ-געגאנגען אין פארלאמענט, אין דער פאלאטע פון די דעפו-טאטען פון גאנצען פאלק. אויף אזא אופן קומט שוין ממילא אוים, אז אהייפעלע אלטע אדעלע, ערד-בעזיצער, באקומען א מאכט, וואס וועגט אריבער דעם איינשטימיגען ווילען פון פאלק און פון אלע זייגע קלאסען.

די זעלביגע זאך, אז מען וויל, אז דער קיסר אליין זאל האבען אזוי פיל און אפשר נאך מעהרער פאליטישע מאכט, ווי די גאנצע נאציאן מיט דעם אדעל צוזאמען, מאכט מען דאס אזוי:

אין 47 § פון דער קאנסטיטוציע ווערט אזוי געשריבען: „דער קיסר באשטימט מענשען אויף אלע שטעלעס אין חיל”, און אין 108 § ווערט געזאגט, „אז דער חיל דארף צו דער קאנסטיטוציע ניט צושווערען”. געבען דיזען ארטיקעל שטעלט מען אוועק א טעאריע, וואס ווערט אין פרינציפ טאקי אונטער-געשטיצט דורך איהם, א טעאריע, אז בנוגע צו דער ארמיי פארנעהמט דער קיסר אין אנדער ארט, ווי געגען אלע אנדערע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען, אז בנוגע צו דער ארמיי איז ער ניט נאר א קיסר, נאר עפעס נאך א מין מאדנע, גאר בא-זונדערע, סודות'דיגע, אונבאקאנטע זאך, פאר וועלבע מען קלערט אוים דעם נאמען „מיליטערישער קיסר” — „קריגס-הערר”; לויט דעם קומט אוים, אז דער פארלאמענט אדער דער גאנ-צער פאלק טאר זיך ניט אריינמישען אין די ענינים פון חיל און דארף מעהר ניט ארויסגעבען געלד פאר דער ארמיי.

און מען דארף זיך מודה זיין — דער אמת שטעהט

העבער פאר אלץ — אז דיזע טעאריע האט טאקי א שטיקעל גרונד אין דעם 108-טען ארטיקעל פון דער קאנסטיטוציע. באשטימענדיג, אז די ארמיי דארף ניט צושווערען צו דער קאנסטיטוציע, ד. ה. אז זי איז פריי פון דעם חוב, וואס ליגט אויף אלע בעאמטע און אפילו אויפ'ן קיסר אליין אויך, אנערקענט די קאנסטיטוציע אין פרינציפ, אז די ארמיי פארנעהמט גאר א באזונדערען ארט אויסער דער קאנסטיטוציע און האט מיט דער קאנסטיטוציע קיין שום שייכות ניט, זי געהערט מעהר ניט דער פערזאן פון קיסר אבער ניט דער גאנצער מלוכה.

ווייטער, מיט דעם, וואס מען ניט אב דעם קיסר אליין דעם רעכט צו פארטיילען אלע שטעלעס אין דער ארמיי, און וואס די ארמיי שטעהט צו איהם אין א באזונדערע שייכות, גיט מען איהם מיט דעם אליין אב ניט נאר פונקט אזוי פיל, נאר צעהן מאהל מעהר פאליטישע מאכט, איידער עס האט די גאנצע לאנד צוזאמען, אפילו אין דעם פאל ווען אין אמת'ן וואלט דער ווירקליכער כח פון לאנד זיין אין צעהן, צוואנציג אדער פופציג מאל גרעסער, ווי דער כח פון דער ארמיי. די סיבה דערפון איז גאר איינפאך.

דער פאליטישער מאכט-מיטעל פון קיסר, די ארמיי, איז ארגאניזירט, שטענדיג צונויפגעקליבען, גוט דיסציפלינירט און יעדער מינוט גרייט ארויסצוטרעטען; פארקעהרט, די מאכט פון פאלק, כאטש זי זאל אין אמת'ן זיין א סך גרעסער, איז ניט ארגאניזירט, מיינע הערען. דעם ווילען פון פאלק, באזונדערס זיין גרייטקייט צו שטרייטען, קען מען ניט שטענדיג לייכט דערקענען; קיינער קען דעריבער באשטימט ניט וויסען, ווי פיל מענשען וועלען מיט איהם געהן. חוץ דעם האט דער פאלק ניט יענע כלי-זין פון דער ארגאניזירטער

מאכט, יענע וויכטיגע יסודות פון דער קאנסטיטוציע, וועגען וועלכע איך האב שוין פריהער גערעדט, — ער האט ניט קיין הארמאטען. אמת, די הארמאטען קויפט מען פאר די געלד פון די בירגער, אמת, זיי ווערען געמאכט און פארבעסערט מיט דער הילף פון די וויסענשאפטען, וועלכע עס ענטוויקעלט די בירגערליכע געזעלשאפט, — מיט דער הילף פון פיזיק, טעכ-ניק א. ז. וו., אזא ווייזט שוין זייער עקסיסטענץ אליין, ווי גרויס עס איז די מאכט פון דער בירגערליכער געזעלשאפט, ווי גרויס עס זיינען די פארטשריטען פון די וויסענשאפטען, פון די טעכנישע קענטעניסען, פון די פאבריקאציאנס-צווייגען און פון אלע מיני מלאכות. אבער דא פאסט זעהר דער גראם פון דעם רוימישען פאעט וירגיל: דו מאכסט דאס, אבער ניט פאר זיך; די הארמאטען ווערען געמאכט נאר פאר א ארגאניזירטע מאכט, דעריבער ווייסט די לאנד גאנץ גוט, אז ביי א צוזאמענשטוים וועט זי דיזע פרובט, דיזע עדות פון איהר מאכט טרעפען געגען זיך. אט פאר וואס די קלענערע, אבער ארגאניזירטע מאכט פון דער ארמיי איז אפט אויף לאנג גובר די גרעסערע אבער ניט-ארגאניזירטע מאכט פון פאלק, און נאר נאך א לאנגע צייט, אין וועלכער די רעגירונג פיהרט די נאציאנאלע ענינים געגען דעם ווילען און אינטערעסען פון דער נאציאן, הייבט זיך דער פאלק סוף כל סוף אויף און שטעלט ארויס זיין ניט-ארגאניזירטע איבערמאכט געגען דער ארגאניזירטער מאכט פון דער רעגירונג.

אלזא, מיינע הערען, איצט פארשטעהט איהר שוין דעם עיקר פון די ביידע קאנסטיטוציעס פון לאנד; פון איהר אמת-ער קאנסטיטוציע, ד. ה. פון דער פאקטישער בעציהונג צווי-שען די כחות פון לאנד, און איהר געשריבענער קאנסטי-טוציע, וועלכע מיר קענען צום אונטערשייד פון דער ערשטער אנרופען כאטש א בויגען פאפיר.

א אמת׳ע, א פאקטישע קאנסטיטוציע האט געהאט יעדער לאנד פון אייביג אן, ווי איהר וועט באלד אליין פארשטעהן; עס איז ניטא קיין פאלשערע איינשמועסונג, וואס זאל פיהרען צו נארישערע מיינונגען, ווי די איבעראל-פארשפרייטע, הערשענדע מיינונג, אז קאנסטיטוציעס זיינען ספעציעל באשאפען געווארען מעהר ניט אין אונזערע צייטען. יעדער לאנד האט נויטוועדיג איהר קאנסטיטוציע, אקוראט אזוי נויטוועדיג, ווי יעדער קערפער צו ער איז אזוי, צו אנדערש געבויט, מוז האבען זיין קאנסטיטוציע. אין יעדער לאנד מוז דאך עקזיסטירען א באשטימטע פאקטישע בעציהונג צווישען איהרע כחות.

בשעת אין פראנקרייך האט א צייט פריהער פאר דער רעוואלוציע פון פאריגען יאהרהונדערט, נאך אונטער דער הערשאפט פון דער אבסאלוטיסטישער מאנארכיע, דער קייסר לודוויג XVI דעם דריטען פעברואר 1776 יאהר מבטל געווען דעם געזעץ, נאך וועלכען די בויערן האבען געמוזט אומזיסט דורכליינען און פארריכטען די וועגען, און האט אנשטאט דעם איינגעפיהרט א געלד-אבצאהלונג אויף צו דעקען די הוצאות, וועלכע איז געפאלען אויך אויפ׳ן אדעל, האט דער פראנצויזישער פארלאמענט זיך געשטעלט אנטקעגען און האט געענטפערט בזה הלשון: „דער פראנצויזישער פאלק”, (ד. ה. דער נידעריגער פאלק, דער פראסטער המון) קען באלייגט ווערען מיט אבצאהלונגען און פאדאטקעס ווי פיל דער פארלאמענט וויל; דאס איז א טייל פון דער קאנסטיטוציע, וועלכע דער קייסר טאר ניט אומבייטען”.

איהר זעהט אלזא, מיינע הערען, אז אויך דאמאלסט האט מען גערעדט אזוי ווי איצטער וועגען א קאנסטיטוציע, און אפילו וועגען אזעלכער, וועלכע דער קיסר קען ניט אומבייטען. אמת, דאס, וואס עס ווערט דא אנגענומען פאר א

קאנסטיטוציע, — דער רעכט ארויפצולייגען אויף'ן המון אבצאהלונגען און פאדאטקעס — איז דאמאלסט ניט געווען פארשריבען אין א באזונדערן דאקומענט, אין וועלכען עס זאלען זיין פארשריבען אלע רעכטען פון לאנד און אלע וויכטיגערע רעגירונגס-פרינציפען. דאס איז געווען מעהר ניט דער אויסדרוק פון די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון דעם מיטעלאלטערליכען פראנקרייך, אין מיטעלאלטער איז אין דער אמת'ן דער המון געווען אזוי שלאף, אז מען האט אויף איהם געקענט ארויפלייגען אבצאהלונגען, ווי פיל מען האט געוואלט; מיט דיזע פאקטישע בעציהונגען פון די כחות האט מען זיך טאקי שטענדיג גערעכענט, דעם פאלק האט מען טאקי שטענדיג אזוי באלאדען מיט לאסטען. דיזער פאקטישער גאנג פון לעבען האט געגעבען, ווי מען רופט דאס, פרעצעדענטען, וועלכע האבען געשפילט אזא וויכטיגע ראלע אין די קאנסטיטוציאנע פראגען אין דער צייט פון מיטעלאלטער, און אין ענגלאנד נאך עד-היום. פארשטעהט זיך, אז אויב מען האט דעם פאלק פאקטיש בעלאסטעט, האט מען גאנץ אפט טאקי ארויסגעזאגט דעם פאקט, אז מען מעג דעם פאלק אזוי בעלאסטען; אנדערש האט דא ניט געקענט זיין. דיזער ארויסגעזאגטער פאקט פלעגט ווערען א מלוכה'ש רעכטליכער פרינציפ, אן וועלכען מען פלעגט זיך דערנאך ביי אזוינע פאלען אנשפארען. הגם ניט זעלטען פלעגען פארשיידענע באזונדערע בעדינגונגען, וואס האבען געשטאמט פון די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאנד, באקומען א שריפטליכען אויסדרוק און הסכם אויף'ן פארמעט. אויף אזא אופ'ן זייגען אויסגעוואקסען די אלע פארשיידענע פרייהייטען, רעכטען, פריווילגיעס (זכיות) סטאטוען פון די שטאנדען, פראפעסיאנען, שטעדט א. ז. וו.

אַט די אַלע פאַקטען, פרעצעדענטען, רעכטען, מלוכה'ש-רעכטליכע פרינציפען, פאַרמעטען, פרייהייטען, זכיות, די אַלע געזעצען זיינען אַלע צוזאַמען געווען דאָס, וואָס מען רופט אַ קאָנסטיטוציע, און דאָס איז בעצם געווען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דער אויסדרוק פון די פאַקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאַנד.

אַלזאָ, אַ אמת'ע פאַקטישע קאָנסטיטוציע האָבען געהאַט אַלע לענדער אין אַלע צייטען; דאָס, וואָס כאַראַקטעריזירט ספּעציעל די נייע צייט, איז ניט ווירקליכע, נאָר געשריבענע קאָנסטיטוציעס אָדער בויגענס פּאַפּיר, — ס'איז זעהר וויכטיג דאָס צו האָבען אין זינען.

אין אמת'ן, אין דער נייער צייט זעהען מיר כמעט אין אַלע לענדער די שטרעבונג צו באַקומען אַ געשריבענע קאָנסטיטוציע, וועלכע דאַרף אין איין דאָקומענט, אין איין בויגען פּאַפּיר פאַראייניגען און געבען אַ הסכם אויף אַלע איינריכטונגען און רעגירונגס-פרינציפען פון דער מדינה.

אין וואָס ליגט דער שורש פון דיזער ספּעציעלער שטרעבונג אין דער נייער צייט?

דאָס איז אויך זעהר אַ וויכטיגע פראַגע און נאָר ענטפערענדיג אויף איהר קען מען דערגעהן, ווי מען דאַרף זיך נעהמען מאַכען אַ קאָנסטיטוציע, וואָס מען דאַרף קלערען וועגען די שוין געמאַכטע קאָנסטיטוציעס און וויא מען דאַרף זיך בעציהען צו זיי; קורץ, נאָר דיזער ענטפער קען אונז אויסלערנען די גאַנצע קאָנסטיטוציאָנעלע קונסט און די גאַנצע קאָנסטיטוציאָנעלע חכמה.

אַלזאָ, איך פרעג: אין וואָס ליגט די סבה פון דער ספּעציעלער שטרעבונג אין דער נייער צייט צו געשריבענע קאָנסטיטוציעס?

נו, מיינע הערען, אין וואס קען ליגען דיזע סבה?

ס'איז קלאר, אז נאר אין דעם, וואס אין די ווירקליכע בעציהונגען צווישען די כחות פון די לענדער, וואו עס עקסיסטירען דיזע שטרעבונגען, איז פארגעקומען א אומענדערונג. אויב עס וואלט ניט פארגעקומען קיין אומענדערונג אין די ווירקליכע בעציהונגען צווישען די כחות פון דער געזעלשאפט, אויב דיזע בעציהונגען וואלטען געבליבען די אייגענע ווי פריהער, וואלט געוועזען אונמעגליך, אז דיזע געזעלשאפט זאל דערפיהלען א שטרעבונג צו א נייע געזעצגעבונג, זי וואלט געבליבען ביי'ם אלטען; העכסטענס וואס זי וואלט געטאן -- זי וואלט אויפגעקליבען אין איין דאקומענט אלע צווייטע טיילען פון איהר קאנסטיטוציע.

ווי אבער קומט פאר די אומענדערונג אין די ווירקליכע בעציהונגען צווישען די כחות פון דער געזעלשאפט?

שטעלט זיך פאר א מיטעלאלטערליכע מלוכה מיט זעהר א שיטערער באפעלקערונג, ווי אלע דאמאלסדיגע מלוכות, מיט א קיסר און א אדעל, וואס האט געהאלטען אין זיינע הענד דעם גרעסטען טייל ערד פון דער מדינה. צוליב דעם, וואס די באפעלקערונג איז געוועזען זעהר קליין, האט נאר א קליינער טייל פון איהר געקענט זיך אבגעבען מיט פראדוקציאן און האנדעל; דאס רוב פון דער באפעלקערונג איז נאך געוועזען נויטיג צו דער ערד-בעארבייטונג און צו דער אויסארבייטונג פון די נויטיגע לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען, אזוי ווי דער גרעסטער טייל ערד האט זיך געפונען אין די הענד פון דעם אדעל, דעריבער האט דיזע באפעלקערונג געפונען באשעפטיגונג און ארבייט ביי'ם אדעל, צו וועלכען זי איז געשטאנען אין פארשיידענע בעציהונגען, דהיינו, ווי וואסאלען, פאנשטשיזניקעס, אייביגע פערמערס און ד. גל.; דיזע אלע פארשיידענע בעציהונגען בא-

שטעהען אין פארשיידענע מדרגות פון דער אייגענער זאך — פון דער אבהענגיגקייט פון דער באפעלקערונג פון אדעל׳ דיזע אבהענגיגקייט האט גענויטיגט די באפעלקערונג צו דינען בײ׳ם אדעל אלס וואסאלען און צו געהן פאר איהם אויף מלחמה. אויף דעם רעשט פון די לאנדווירטשאפט-ליכע פראדוקטען, וועלכע דער אדעל האט באקומען פון זיינע מאיאנטקעס, האט ער בײ זיך אין די פאלאצען געהאלטען גאנצע סוויטעס פון רייטערס און שומרים איבער-הויפט פארשיידענע מינים סאלדאטען.

געגען אזא מאכט פון אדעל האט דער קיסר בעצם ניט געהאט קיין שום ווירקליכע מאכט אחוץ דער מאכט פון די פריצים. וועלכע זיינען מיט׳ן גוטען ווילען—נויטען האט ער זיי ניט געקענט—געגאנגען איהם צו הילף און נאך די שוואכע הילף און אפשר גאר די שוואכע הילף פון די ווייניגע זעהר שיטער בעפעלקערטע שטעדט.

וואס פאר א אויסזעהען, רעכענט איהר, האט געקענט האבען די קאנסטיטוציע פון אזא אדעל? זי האט געמוזט זיין דוקא אזא, ווי עס באשטימען איהר דיזע פאקטישע בעציהונ-גען צווישען די כחות פון לאנד.

די קאנסטיטוציע האט געמוזט זיין געבויט אויף דער צוטיילונג פון דער באפעלקערונג אין שטאנדען; דער אדעל האט באדארפט זיין דער ערשטער און בכלל דער הערשענ-דער שטאנד. אהן זיין צושטימונג האט דער קיסר ניט גע-טארט פאדערען קיין גראשען שטייערן; די בעציהונג פון קיסר צום אדעל האט געמוזט זיין די בעציהונג פון א „ערשטען צווישען גלייכע".

און טאקי, מיינע הערען, אזא מין קאנסטיטוציע איז געווען אין מיטעלאלטער די קאנסטיטוציע פון פרייסען און פון דאס רוב איבעריגע מלוכות.

נאר לאמיר איצט אנגעהמען, אז די באפעלקערונג וואקסט וואס ווייטער אלץ מעהר, די פאבריקאציאן און דער האנדווערק הייבען אן צו בליהען און גיבען אויף אזא אופן די נויטיגע עקסיסטענץ־מיטלען פאר א נייעם וואוקס פון דער באפעלקערונג, וועלכע הויבט אן אנצופיללען די שטעדט. דער קאפיטאל און דער געלד־רייכטהום הייבען זיך אן צו ענטוויקלען אין די הענד פון דער בורזשואזיע און די שטאדטיגע סוחר'ישע חברות. וואס וועט איצט זיין?

די פארמעהרונג פון דער שטאטיגער באפעלקערונג, וואס איז געוועזען אונאבהענגיג פון דעם אדעל און וועמענס אינטערעסען זיינען געגענזעצליך צו די אינטערעסען פון אדעל — דאס איז געוועזען זעהר נוצליך פאר'ן קיסר; מיט'ן וואוקס פון דער באפעלקערונג וואקסט די צאהל פון די דינסט־פעהיגע, מיט וועלכע דער קיסר קען זיך באנוצען. די שטאדטיגע איינוואוינער און זייער האנדעל, וואס ליידען זעהר פיל פון די שטענדיגע מלחמות פון אדעל, מוזען צוליעב זייערע אינטערעסען שטרעבען, עס זאל הערשען רוהע, ארדנונג, זיכערהייט און געזעצליכקייט אין לאנד; דעריבער האלטען זיי גערן אוים דעם קיסר מיט געלד און מיט מענשען, מיט זייער שטיצע קען דער קיסר שוין אנקלייבען, אויב ער דארף א באדייטענדע ארמיי, א סך א גרעסערע ווי דער אדעל. דאן הייבען אן די קיסרים אלץ צו פארקלענערען די מאכט פון אדעל, אבצונעמען ביי איהם דעם רעכט צו פיהרען מלחמות; זיי צושטערען זיינע פאלאצען, אויב ער איז עובר די געזעצען פון לאנד.

ענדליך וועט די פאבריקאציאן מיט דער צייט אויף אזוי פיל ענטוויקלען דעם געלד־רייכטום און די באפעלקערונג פון לאנד, אז דער קיסר וועט באקומען די מעגליכקייט צו האבען א שטענדיגען חיל; דער קיסר וועט ארויסשיקען זיינע סאלדאטען געגען דער פארזאמלונג פון אדעל. אזוי ווי עס האט

געטאן דער גרויסער קורפירסט פרידריך ווילהעלעם דער ערשטער פון פרייסען, און מיט די ווערטער פון דיזען קור-פירשט: „איך וויל פארפעסטיגען די זעלבסטהערשונג ווי א בראנ-זען פעלזען", וועט ער פארניכטען אלע פריווילעגיעס פון אדעל און וועט אבגעהמען ביי איהם דעם רעכט צו באשטי-מען די שטייערן.

איהר זעהט, אז צוזאמען מיט דער אומבייטונג פון די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות, האט זיך דא אומגעביטען די קאנסטיטוציע: עס איז אויסגעוואקסען די אבסאלוטע (זעלבסטהערשענדע) מאנארכיע.

דער קיסר דארף גאר ניט שרייבען קיין נייע קאנ-סטיטוציעס. די מאנארכיע איז צו פראקטיש, אז זי זאל זיך פארנעהמען מיט אזוינע מיני זאכען. ביים קיסר אין האנד געפינט זיך א אמת'ער פאקטישער מאכט-מיטעל, א שטענדיגע ארמיי, וועלכע איז די אמת'ע קאנסטיטוציע פון דיזער געזעלשאפט. מיט דער צייט הייבען אן דער קיסר און זיינע אנהענגער דאס אליין אויסצוזאגען, אנרופענדיג די לאנד א „מיליטערישע מלוכה".

דער אדעל האט ווייט ניט די מעגליכקייט צו פיהרען א קריג מיט'ן קיסר און האט זיך שוין לאנג געמוזט אבזא-גען פון א'ן איינגענער מיליטערישער מאכט. ער האט פארגע-סען זיין אמאליגען ווידערשטאנד געגען דעם קיסר, ער האט פארגעסען, אז ער איז א מאהל געווען גלייך מיט איהם, ער האט זיך דאס רוב איבערגעקליבען אין די הויפטשטעדט, האט דארט געקריגען פון קיסר גרויסע שבירות און פענסיעס, און האט געהאלפען נאך מעהר צו פארגרעסערען די פראכט און די באדייטונג פון קיסר.

אבער די פאבריקאציאן און מלאכות ענטוויקלען זיך אלץ מעהרער און מעהרער; און צוזאמען מיט זייער וואוקס וואקסט אויך די באפעלקערונג.

נאך'ן אויסזעהען נאך בריינגט דיזער פראגרעס, אקוראט ווי פריהער, א וועלכען עס איז נוצען נאר דעם קיסר, וועלבער קען א דאנק דעם שטענדיג פארגרעסערען זיין ארמיי און דערגרייכט אויף אזא אופן ענדליך א וועלט-באדייטונג.

אבער די ענטוויקלונג פון דער בירגערליכער געזעלשאפט דערגרייכט ענדליך אזא ריזיג-הויכע מדרגה, אז דער קיסר קען אפילו מיט דער הילף פון דער ארמיי זיך דאך ניט שטארקען מיט דעם זעלבען גאנג, ווי עס וואקסען די כחות פון די בירגער.

כדי איך דאס צו ערקלערען, אט נאט איך, מיינע הערען, עטליכע ציפער.

אין 1657 יאהר האט בערלין געהאט 20,000 איינוואוינער. כמעט אין דער אייגענער צייט, בשעת ס'איז געשטארבען דער גרויסער קורפירסט, האט די ארמיי געציילט 24—30,000 מאן.

אין 1803 יאהר איז אין בערלין געווען שוין 153,070 איינוואוינער.

אין 1819 יאהר, 16 יאהר שפעטער, איז אין בערלין געווען שוין 192,646 איינוואוינער.

אין דעם אייגענעם יאהר האט די ארמיי געציילט ביז 137,639 מאן; דאמאלסט, ווי איהר ווייסט האט לויט נאך'ן געזעץ פון סעפטעמבער 1814 יאהר, וועלכען מען וויל ביי אונז איצט אוועקנעהמען, דער זאפאס זיך ניט צוגערעכענט צו דער ארמיי.

איהר זעהט, די ארמיי איז דאן געווען פיר מאל אזוי

גרויס, ווי אין דער צייט פון דעם גרויסען קורפירשט.

אבער די איינוואוינער צאל פון בערלין האט זיך פארגרעסערט אין 9 מאל.

אבער דא הייבט זיך אן נאך אפיל אונגעוואוינליכערע ענטוויקלונג.

אין 1846 יאהר איז די באפעלקערונג פון בערלין — אלע ציפער זיינען גענומען פון אפיציעלע דאקומענטען — דערגאנגען ביז 389,308 איינוואוינער, כמעט ביז 400,000, זי האט זיך אלזא זינט 1819 יאהר פארגרעסערט אין 2 מאל. אין דעם משך פון 26 יאהר האט זי זיך מעהר ווי פארדאפעלט, און איצטער, ווי אייך איז באקאנט, דערגרייכט זי די צאהל פון 550,000 איינוואוינער.

די ארמיי האט אבער אין 1840 יאהר געציילט מעהר ניט ווי 137,173 מאן. זי האט זיך אלזא ניט פארגרעסערט זינט 1719 יאהר, ניט געהמענדיג אויף אהאר קיין אנטייל אין דעם מורא'דיגען וואוקס פון דער בירגערליכער געזעלשאפט*.

ביי אזא ריזיגער ענטוויקלונג הייבט דער בירגערטום אן צו דערקענען זיך אליין פאר א זעלבסטשטענדיגע פאליטישע קראפט. צוזאמען מיט דיזער פארגרעסערונג פון דער באפעלקערונג פארגרעסערט זיך דער געזעלשאפטליכער רייכטום; עס ענטוויקלען זיך אויך די וויסענשאפטען. עס וואקסט דער געזעלשאפטליכער באוואוסטזיין, וועלכער, ווי מיר האבען שוין געזעהען, איז אויך א טייל פון דער קאנסטיטוציע. די בירגער הייבען שוין אן צו טראכטען: מיר ווילען ניט זיין א סטאדע שעפסען, וואס האט ניט קיין אייגענעם ווילען. מיר ווילען אליין הערשען, און ס'איז נויטיג, אז דער קיסר זאל גאר אזוי

* איצט האט זיך דיזער פערהעלטניס אביסעל איבערגעביטען. דער איבערזעצער.

רעגירען איבער אונז און פיהרען אונזערע עסקים, ווי מיר אליין ווילען.

קורץ גערעדט, מיינע הערען, עס האבען זיך פארענדערט די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאנד. מיט אנדערע ווערטער: אין דער געזעלשאפט איז אנגעקומען דער 18-טער מערץ 1848 יאהר.

אויף אזא אופן האט זיך דא געטראפען פונקט דאס, וואס מיר האבען אין אנהייב פון אונזער חקירה אנגענומען פאר א אונמעגליכען ביישפיל. מיר האבען אנגענומען, אז די גע-זעלשאפט האט פארלארען אלע אירע געזעצען צוליב א שרפה. אין דער אמת'ן זיינען זיי חרב געווארען ניט דורך א שרפה, נאר דורך א שטורעם.

„דער פאלק איז אויפגעשטאנען.
דער שטורם איז אויסגעבראכען".

נאך א געלונגענע געזעלשאפטליכע רעוואלוציע בלייבט דער פריוואטער (פערזענליכער) רעכט אונבאריהרט, אבער אלע געזעצען פון עפענטליכען (געזעלשאפטליכען) רעכט ווע-רען פארניכטעט, אדער האבען א קראפט נאר אויף א צייט, און מען מוז מאכען נייע געזעצען.

אויף אזא אופן טרעט ארויס די נויטיגקייט צו מאכען א נייע געשריבענע קאנסטיטוציע, און דער קיסר רופט אליין צונויף קיין בערלין א נאציאנאלע פארזאמלונג, כדי צו באשליסען, ווי מ'האט פון אנהייב געזאגט, א נייע געשריבענע קאנסטיטוציע, אדער, ווי מ'האט שפעטער געזאגט, כדי דורכצוקומען מיט דיזער פארזאמלונג מכח א קאנסטיטוציע.

וואסערע בעדינגונגען, פרעגט זיך איצט, דארף מען האבען, אז די געשריבענע קאנסטיטוציע זאל זיין גוט און פעסט

פון אונזער נאנצער חקירה איז איצט גרינג צו פארשטעהן מיינע הערען, אז צו דערצו דארף מען האבען איין תנאי — אז די געשריבענע קאנסטיטוציע זאל זיין צוגעפאסט צו דער אמת׳ער קאנסטיטוציע, ד. ה. צו די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאנד. ווי נאר די געשריבענע קאנסטיטוציע הערט אויף צו פאסטען צו דער פאקטישער קאנסטיטוציע, הייבט זיך אן צווישען זיי א שטרייט, וועלכען מען קען מיט קיין שום זאך ניט פארמיידען און אין וועלכען די פאקטישע קאנסטיטוציע, די ווירקליכע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאנד זיינען שטענדיג גובר איבער דער געשריבענער קאנסטיטוציע, איבער דעם בויגען פאפיר.

וואס-זשע האט מען בעדארפט טאן?

מען האט בעדארפט פריהער ווי אלץ מאכען ניט קיין געשריבענע, נאר א ווירקליכע קאנסטיטוציע, ד. ה. פריהער ווי אלץ אומבייטען די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאנד, אומבייטען זיי אין אינטערעס פון די בירגער.

אמת, דער 18-טער מערץ האט אונז בעוויזען, אז די מאכט פון פאלק איז שוין איצט גרעסער, איידער די מאכט פון דער ארמיי. נאך א לאנגער בלוטיגער שלאכט האט די ארמיי געמוזט אבטרעטען.

אבער איך האב אייך שוין אנגעוויזען אויף׳ן וויכטיגען אונטערשייד צווישען דער מאכט פון פאלק און דער מאכט פון דער ארמיי, וועלכער בעשטעהט אין דעם, וואס די מאכט פון דער ארמיי, הגם זי איז א סך קלענער, ווייזט זי זיך ארויס מיט דער צייט אלס א ווירקליכערע מאכט, איידער די גרעסערע מאכט פון דער ארמיי.

דיזער אונטערשייד בעשטעהט, ווי איהר געדיינקט, אין דעם, וואס די מאכט פון דער ארמיי איז ארגאניזירט, יעדען

טָאג גְרֵייט ווִידֶער אָנצוּהֵייבֶּען דֶעם שטַרֵייט, און דֶערִיבֶּער מוּז זִי מִיט דֶעד צַייט גִיכֶער זַיין אִים שטַאנד זִיךְ צוּ דֶערשלָאגֶען צוּם נִצָחוֹן אִיבֶּער דֶער גְרֶעסְעָרֶער, נָאר נִיט אָרגַאנִיזִירטֶער מַאכט פוּן דֶער נַאצִיָאן, וֶועלכֶע פַאראֵיינִיגט זִיךְ אִין אֵיין מַאסֶע נָאר אִין זֶעלטֶענֶע מִינוּטֶען פוּן הֶעכסטֶער אוֹיפרֶעגוּנג.

אַלזָא, כְּדֵי דֶער נִצָחוֹן פוּן 18-טֶען מֶערץ זָאל נִיט גֶעהֶען פַארלָארֶען; כְּדֵי עֶר זָאל אִין אֶמֶת'ען בְּרֵיינגֶען אַ נוּץ דֶעם גַאנצֶען פָאלק, הָאט מֶען גֶעדַארפט זִיךְ בַּאנוּצֶען מִיט דֶער גִינסטִיגֶער מִינוּט און זֶעהן אַזוֹי אוּמצוּוֶוענדֶערן דִי אָרגַאנִיזִירטֶע מַאכט פוּן דֶער אַרמֵיי, אַז זִי זָאל שוֹין מֶעהר נִיט קֶענֶען דִינֶען דֶעם קֵיסַר פַאר אַ מִיטֶעל גֶעגֶען פָאלק.

מֶען הָאט גֶעדַארפט, צוּם בַּיישפִּיל, בַּאגרֶענֶעצֶען דֶעם מִילִיטֶער-דִינסט מִיט 6 חֳדָשִׁים; אַזַא צַייט אִיז גַאנץ גֶענוּג, ווִי עֶס זָאגֶען דִי גְרֶעסטֶע מִילִיטֶערִישֶע סְפֶּעצִיאַלִיסטֶען, צוּ גֶעבֶּען דֶעם סָאלדַאט אַ פָאלקָאמֶע מִילִיטֶערִישֶע בִּילדוּנג; און פוּן דֶער אַנדֶערֶער זַייט אִיז אַזַא צַייט צוּ קוּרץ, אַז דֶער זֶעלנֶער זָאל זִיךְ אִין גַאנצֶען קֶענֶען אָבּרַייסֶען פוּן פָאלק, עֶר זָאל דוּרכ-גֶעדרוּנגֶען וֶוערֶען מִיט'ן בַּאזוּנדֶערֶען גַייסט פוּן אַ קַאסטֶע; אַזַא צַייט אִיז אוֹיךְ אַזוֹי פִיל קוּרץ, אַז עֶס וָואלט זִיךְ גֶעפָאדֶערט מֶען זָאל אַלֶע ווַיילֶע נֶעהמֶען נַייעֶ סָאלדַאטֶען, און אוֹיף אַזַא אוֹפָן וָואלט בַּיי אוּנז גֶעווֶעזֶען נִיט קַיין קֵייזֶערלִיכֶע, נָאר אַ פָּ א ל ק ס-מִ י ל י טֶ ע ר.

ווִידֶער הָאט מֶען גֶעדַארפט מַאכֶען, אַז אַלֶע קלֵיינֶע הוֹיפּטלַייט פוּן מִילִיטֶער, אַלֶע קלֵיינֶע אָפִיצִירֶען לְכָל הַפָּחוֹת בִּיז'ן מַאיָאר, זָאלֶען נִיט בַּאשטִימט וֶוערֶען פוּן „אוֹיבֶּען", נָאר זָאלֶען אוֹיסגֶעקלִיבֶּען וֶוערֶען פוּן דִי סָאלדַאטֶען גוּפָא, אַז אוֹיף דִי אָפִיצִירסקֶע שטֶעלֶעס זָאלֶען נִיט אַוֶועקגֶעשטֶעלט וֶוערֶען אַזֶעלכֶע מֶענשֶען, וֶועלכֶע פַארהַאסֶען דֶעם פָאלק, ווַאס בְּרֵיינגט דֶערצוּ,

אז די ארמיי ווערט א בלינדער כלי-זין אין די הענד פון קיסר.

מען האט געדארפט מאכען, אז אלע פארברעכען פון די וואס דינען אין מיליטער, הוץ ספעציעלע מיליטערישע פארברעכען, זאלען געמשפט ווערען דורך'ן געוואוינליכען בירגערליכען געריכט; דאס וואלט דאן צוגעוואוינט די ארמיי זי זאל זיך האלטען פאר איינס מיט'ן גאנצען פאלק, אבער ניט פאר עפעס א באזונדערע זאך, ניט פאר עפעס א באזונדערע קאסטע *).

ווייטער, אלע הארמאטען, וואס דארפען דאך דינען נאר צו באשיצען די לאנד, האט מען באדארפט אבגעבען היטען די פיהרער פון שטאדט, וועלכע ווערען אויסגעקליבען פון פאלק גופא, אויסער א קליינע צאל הארמאטען, וואס מען דארף האבען אויף צו לערנען די סאלדאטען שיסען. א טייל פון דיזער ארטילעריע האט מען באדארפט באנוצען אויף צו בילדען ארטילעריסקע באטארעיעס פון דעם בירגער-חיל, פון דער נאציאנאלער גווארדיע, כדי אויף אזא אופן געבען דעם פאלק אויך די הארמאטען, - דיזען העכסט וויכטיגען טייל פון דער קאנסטיטוציע.

קיין איין איינציגע זאך דערפון האט מען ניט געטאן ניט אין פריהלינג, ניט אין זומער פון 1848 יאהר. קען מען דען נאך אלעמען זיך וואונדערען, מיינע הערען, וואס אין נאוועמבער האט מען געמאכט אש פון אלע רעזולטאטען פון דער מערץ-רעוואלוציע און וואס דיזע רעוואלוציע האט קיין שום נוצען ניט געבראכט? פארשטעהט זיך, מען קען ניט; די רעאקציע איז געווען א נויטיגע נווירקונג פון דעם, וואס מען האט ניט געמאכט קיין שום אומענדערונג אין די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאנד.

* קאסטע — הייסט א אבגעזונדערטע גרופע מענשען, וואס האט איהר ספעציעלע לעבענס-אופן און ספעציעלע רעכטען.

דער איבערזעצער.

דעם קיסר, מיינע הערען, דינט מען אסך בעסער ווי אייך! דעם קיסר'ס דינער זיינען ניט קיין בעל-דרשנ'ים אזוי ווי עס זיינען אפט די דינער פון פאלק. זיי זיינען זעהר פראקטישע מענשען, וואס פארשטעהען גאנץ גוט, אין וואס עס באשטעהט דער עיקר פון יעדער זאך: דער הערר פאן-מאנטייפעל איז געוועזען א שלעכטער רעדנער; אבער דאס איז געוועזען א פראקטישער מענש. בשעת ער האט אין נאוועמבער 1848 יאהר פארנאנדערגעטריבען די נאציאנאלע פארזאמלונג און האט ארויסגעשטעלט הארמאטען אויף די גאסען, וואס, מיינט איהר, האט ער אנגעהייבען פריהער ווי אלץ צו טאן? אוודאי צו שרייבען א נייע רעאקציאנערע קאנסטיטוציע? עס הייבט זיך ניט אן! ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דאס וועט ער שטענדיג צייט האבען צו מאכען. אין דעצעמבער 1848 יאהר האט ער אייך אליין געגעבען א געשריבענע קאנסטיטוציע, א גאנץ ליבעראלע. וואס-זשע האט ער אנגעהייבען אין נאוועמבער? וואס איז געוועזען זיין ערשטער גאנג? א, איהר מוזט עס געוויס געדיינקען גאנץ גוט: ער האט די ערשטע זאך צוגענומען ביי'ם פאלק די געוועהר. איהר זעהט, מיינע הערען, צונעהמען די געוועהר ביי א איינגענומענעם פיינד דארף שטענדיג זיין די ערשטע זאך פון דעם, וואס האט איינגענומען, אויב ער וויל ניט, אז דער קריג זאל זיך פון דאס ניי אנהייבען.

אונזער חקירה איז פון אנהייב געגאנגען זעהר לאנגזאם, ווייל מיר האבען פריהער ווי אלץ געזוכט דעם עיקר, דעם באגריף פון א קאנסטיטוציע. קען זיין, אז עטליכע פון אייך האט זי זיך אויסגעדוכט שוין צו לאנגזאם, אבער דערפאר זעהט איהר, אז קוים האבען מיר געפונען דיזען באגריף, ווי פאר אונז האבען זיך געעפענט די אינטערעסאנטעסטע שלוסען און איצטער קענען מיר די זאך אסך בעסער, קלארער און טיפער,

איידער אנדערע. נאך מעהר, מיר זיינען געקומען צו שלוסען, וואס זיינען דאס רוב פונקט דער היפך פון די מיינונגען וועגען דיזער זאך, וועלכע הערשען אין דער געזעלשאפט.

לאמיר קורץ באטראכטען נאך אייניגע אזעלכע שלוסען.

איך האב געוויזען, אז אין 1848 יאהר האט מען ניט פארגענומען קיין איין נויטיגען מיטעל ווי אומצוענדערען די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות און איבערצומאכען דעם מיליטער פון קייזערליכע משרתים אויף א פאלקס-חיל.

אמת, עס איז געמאכט געווארען א פארשלאג אין דיזער ריכטונג, וועלכער וואלט געווען דער ערשטער טריט אויף דיזען וועג. דאס איז געווען דער פארשלאג פון העררן שטיין, וועלכער האט דאמאלסט פארגעלייגט צו צווינגען דעם וואיענעם מיניסטער אבצוזאגען אלע רעאקציאנערע אפיצירען.

אבער איהר געדיינקט דאך, מיינע הערען, אז ווי נאר די בערלינער פאלקספארזאמלונג האט אנגענומען דיזען פארשלאג, האט די גאנצע בורזשואזיע און די העלפט פון לאנד אנגעהויבען צו שרייען און צו ליארעמען: „די פאלקספארזאמלונג דארף מעהר ניט מאכען א קאנסטיטוציע, און ניט פארנאנדערנעהמען סכסוכים מיט מיניסטערסטוועס, זי דארף ניט פארלירען צייט אויף קאמאנדעוען, עס איז ניט איהר עסק צו מישען זיך אין אזעלכע זאכען, וואס געהערען נאר דער רעגירונג; מאכט גיכער א קאנסטיטוציע ווייטער גארניש, ווייטער איז שוין ניט אייער זאך". אזוי האט מען געשריען פון אלע זייטען פונקט ווי אויף א שרפה.

איהר זעהט, מיינע הערען, אז די גאנצע בורזשואזיע, א גאנצע העלפט פון לאנד, וועלכע האט אזוי געטענה'ט האבען ניט געהאט אפילו דעם קלענסטען באגריף וועגען דעם עיקר פון א קאנסטיטוציע!

די פערפאסונג פון א געשריבענער קאנסטיטוציע איז שוין געווען די קלענסטע זאך: דאס האט מען געקענט מאכען, אויב מען האט באדארפט, אין 3 מעת-לעת; דאס איז געווען די לעצטע זאך, וועגען וואס ס'איז געווען צו קלערען; ווען מ'האט דאס געמאכט צו פריה, פאר דער צייט, איז דאס געווען די אונגנוציגסטע זאך.

איבערמאכען די ווירקליכע פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאנד, אריינמישען זיך אין די אויספיהרענדע, עקזעקוטיווע מאכט, אזוי זיך אריינ-מישען, אזוי איהר פאקטיש איבערמאכען, אז זי זאל זיך שוין קיין מאל מעהר ניט קענען אנטקעגענשטעלען געגען דעם ווילען פון דער נאציאן — אט אין וואס ס'איז געלעגען דער עיקר, אט וואס מ'האט באדארפט טאן, כדי די געשריבענע קאנסטי-טוציע זאל זיין פעסט און שטארק.

אזוי ווי די נאציאנאלע פארזאמלונג האט זיך גענומען פאר דער געשריבענער קאנסטיטוציע צו פריה, האט מען איהר טאקי דערפאר נישט דערלאזען אפילו ענדיגען די ארבייט און מ'האט איהר פארנאנדערגעטריבען מיט דער הילף פון די גאנץ-געבליבענע מאכט-מיטעל פון דער עקזעקוטיווער מאכט.

צווייטער שלוס: לאמיר אנגעהמען, אז די נאציאנאלע פארזאמלונג וואלט מען ניט פארנאנדערגעטריבען, אז איהר וואלט זיך איינגעגעבען צו פערפאסען און באשליסען די קאנסטיטוציע.

וואלט דאס כאטש אויף א האר אומגעביטען דעם גאנג פון דער ענטוויקלונג?

אויף קיין שום אופן ניט, מיינע הערען, דאס באווייזען אונז די פאקטען אליין. הגם מען האט צוטריבען די נאציאנאלע פארזאמלונג, נאר דער קיסר האט נאך די פאפירען, וועלכע די האט איבערגעלאזען, אליין דעם 5-טען דעצעמבער 1848 יאהר

פֶערפַאסט און גֶעגֶעבֶּען אַ קָאנסטיטוּצִיֶע, וָועלכֶע איז אין איה־רֶע הויפּט־פּוּנקטֶען גֶעוֶוען פּוּנקט אַזאַ, ווי מֶען האָט גֶעקֶענט עֶרוַוארטֶען פון דֶער נַאצִיָאנַאלֶער פַארזַאמלוּנג.

די קָאנסטיטוּצִיֶע האָט מֶען שוין דֶעם קֵיסָר ניט גֶענוי־טִיגט צו גֶעבֶּען, עֶר האָט איהר אַליין מִיטְ'ן גוּטֶען ווִילֶען גֶע־גֶעבֶּען נָאךְ זַיין נִצָחוֹן. דַאכט זיךְ אויף אַזאַ קָאנסטיטוּצִיֶע קֶען מֶען זיךְ שוין אַוַדַאי פַארלָאזֶען.

גַיין, מֵיינֶע הֶערְרֶען, מֶען טָאר נִיט! שטֶעלט זיךְ פָאר, אַז בּיי אייךְ אין גָארטֶען וואַקסט אַ'ן עֶפֶּעלבּוֹים, און איהר ווָאלט אויפהֶיינגֶען אויף איהם אַ צֶעטֶעל מִיט אַ'ן אויפשריפט: „דָאס איז אַ טֵייטֶעלבּוֹים"—ווי מֵיינט איהר, ווָאלט דֶער עֶפֶּעלבּוֹים טַאקי גֶעוָוארֶען אַ טֵייטֶעלבּוֹים? גַיין, גֶעווּיס נִיט, און ווֶען אֲפִילוּ אַלֶע אַייֶערֶע הויז־מֶענשֶׁען, אַלֶע אַייֶערֶע שְׁכֵנִים פון דֶער גַאס ווָאלטֶען זיךְ צוּזַאמֶענגֶעקְלִיבֶּען און הוּנדֶערט מָאהל בְּפֵרֶושׁ פַאר דֶער גַאנצֶער ווֶעלט שווֶערֶען, אַז דָאס איז אַ טֵייטֶעל־בּוֹים,—ווָאלט פָארט דֶער בּוֹים בְּלֵייבֶּען דֶער זֶעלבֶּער ווי עֶר איז גֶעווֶען און אויף אִיבֶּער אַ יָאהר ווָאלט זיךְ דָאס אַרוֹיסגֶעוויזֶען, בְּשָׁעַת אויף איהם ווָאלטֶען אויסגֶעוואקסֶען עֶפֶּעל און נִיט טֵייטֶלֶען.

פּוּנקט די זֶעלבֶּע זַאךְ איז מִיט דֶער קָאנסטִיטוּצִיֶע. עס איז גָאר אַ קְנַאפֶּער חִילוּק, ווי מֶען ווָאלט אויפשרֵייבֶּען אויפ'ן פַּאפִּיר, אויב גָאר דָאס אויפגֶעשרִיבֶּענֶע איז גֶעגֶען דֶער ווִירק־לִיכֶער לַאגֶע פון די זַאכֶען, גֶעגֶען די פַּאקטִישֶׁע בֶּעצִיהוּנגֶען צווִישֶׁען די כּחוֹת פון לַאנד

דֶער קֵיסָר האָט מִיטְ'ן גוּטֶען ווִילֶען דֶעם 5־טֶען דֶעצֶעמ־בֶּער 1848 יָאהר אַ סַךְ נָאכגֶעגֶעבֶּען אויפ'ן פַּאפִּיר; אַלֶע דִיזֶע נָאכגֶעבוּנגֶען זַיינֶען אָבֶער גֶעוַוענֶען גֶעגֶען דֶער ווִירקלִיכֶער

קאנסטיטוציע, געגען די פאקטישע בעציהונגען צווישען די
כהות פון לאנד, וועלכע דער קיסר האט נאך געהאלטען פעסט
אין זיינע הענד. דעריבער האט די ווירקליכע קאנסטיטוציע
טריט ביי טריט געמוזט דורכרייסען די געשריבענע, מיט פונקט
אזא נויטווענדיגקייט, ווי די אייזערנע נויטווענדיגקייט פון געזעץ
פוי דער צוציהונגס-קראפט.

אזוי, כאטש די קאנסטיטוציע פון 5-טען דעצעמבער איז
אנגענומען געווארען פון דער רעוויזיע-פארזאמלונג,—פונדעסט-
וועגען האט דער קיסר געמוזט אין איהר איינפיהרען די
ערשטע פארענדערונג — דעם געשיינקטען דריי-קלאסען וואהל-
געזעץ פון 1849 יאהר. מיט דער הילף פון די נייע פאלאטעס
וואס זיינען איינגעפיהרט געווארען דורך דיזען וואהל-געזעץ,
זיינען דורכגעפיהרט געווארען נאך נייע וויכטיגע פארענדע-
רונגען אין דער קאנסטיטוציע, ביז ענדליך דער קיסר האט
איהר צוגעשווארען. פון דאמאלסט אן האט זיך אנגע-
הייבען א אמת'ע איבערשניידעריי. זינט דעם 1850
יאהר איז ניט אריבער קיין איין יאהר, וואו מען
זאל די קאנסטיטוציע ניט איבערמאכען אויף א נייעם שניט.
א פאהן וואס איז געווען אין הונדערט מלחמות, איז ווייניגער
צוריסען און צושניטען, ווי אונזער קאנסטיטוציע!

דער דריטער שלום: איהר ווייסט, מיינע הערען, אז
ביי אונז אין שטאדט געפינט זיך א פארטיי, וואס גיט ארויס
די „פאלקס-צייטונג", א פארטיי, וואס רופט נאך מיט א הארצ-
קלאפעניש נאך דיזער שמאטעדיגער פאהן, נאך דיזער צוקא-
ליעטשעטער קאנסטיטוציע און רופט זיך דעריבער „די געטרייע
אנהייננגערין פון דער קאנסטיטוציע" און שרייט אין איין קול:
„לאמיר זיך האלטען פעסט פאר דער קאנסטיטוציע, אז ניט

וועלען מיר פארפאלען ווערען, אז ניט וועט זיין שלעכט"!

ווען איהר זעהט אזא מין פארטיי, — אלין איינם וואו עס איז און ווען עס איז, — וואס לאזט ארוים כלומרשט ווי א שלאכט-רוף דעם ווער-געשריי: „האלט זיך פאר דער קאנסטי-טוציע", וואס וועט איהר דערפון דרינגען, מיינע העררען? איך פרעג איך ניט, מיינע העררען, וועגען אייער כונה, וועגען אייערע פערלאנגען, איך פרעג ביי איך נאר וועגען אייערע געדאנקען: וואס וועט איהר דרינגען דערפון?

גאר ניט זייענדיג קיין נביאים, וועט איהר זאגען מיט דער גרעסטער זיכערהייט: דיזע קאנסטיטוציע האלט ביי דער לעצטער גסיסה, זי איז שוין כמעט ווי א מת. נאך א פאר יאהר און עס וועט פון איהר שוין קיין שריד ופליט ניט בלייבען.

די אורזאכען דערפון זיינען גאנץ איינפאך. בשעת די געשריבענע קאנסטיטוציע איז צוגעפאסט צו דער אמת'ער קאנסטיטוציע צו די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות, וועט איהר קיין מאהל ניט הערען אזעלכע ווער-געשרייען, אזא קאנסטיטוציע וועט מען מורא האבען אנצוריהרען. קיינעם וועט זיך גאר ניט לייגען אויפ'ן מח צו שטרייטען, צו געהן געגען אזא קאנסטיטוציע, און אויב אימיצער וואלט זיך געוואגט דאס צו טאן, וואלט ער טרוקען ניט אבגעשניטען. דארטען, וואו די געשריבענע קאנסטיטוציע איז צוגעפאסט צו די פאקטישע בעציהונגען פון די כחות, דארטען קען גאר ניט געמאלט זיין אזא פאקט, אז א פארטיי זאל זיך אויסקלייבען פאר א ספעציעלען קאמפף-רוף: „האלט זיך פעסט פאר דער קאנסטיטוציע". דארטען, וואו עס לאזט זיך הערען אזא געשריי, דינט דיזער געשריי אליין פאר א ריכטי-גען סמן, אז ער איז א געשריי פאר פחד, אדער אנדערש

געערדט: דער געשריי באוויזט, אז אין דער געשריבענער קאנסטיטוציע איז עפעס פאראן, וואס עס געהט געגען דער ווירקליכער קאנסטיטוציע, געגען די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות; אבער וואו נאר עס הערשט אזא געגענזאץ, דארטען איז די געשריבענע קאנסטיטוציע געוויס פארפאלען, און קיין גאט און קיין רופא קען איהר שוין בשום אופן ניט העלפען!

זי קען אומגעענדערט ווערען אין צוויי זייטען, רעכטס אדער לינקס, אבער בלייבען גאנץ, ווי זי איז, קען זי ניט. דאס ווייזט דער וועה-געשריי גופא וועגען איהר רעטונג. זי וועט זיך אומקעהרען רעכטס, אויב די אומענדערונג וועט דורכגעפיהרט ווערען דורך דער רעגירונג, וועלכע וועט וועלען צופאסטען די געשריבענע קאנסטיטוציע צו די פאקטישע בעציהונגען צווישען די ארגאניזירטע כחות פון לאנד. אדער עס וועט ארויסטרעטען די ניט-ארגאניזירטע מאכט פון דער געזעלשאפט און וועט איבער א נייס גובר זיין די ארגאניזירטע מאכט פון דער רעגירונג. אין דעם פאל וועט די קאנסטיטוציע אומגעענדערט ווערען אויף לינקס, פונקט ווי אין דעם ערשטען פאל אויף רעכטס. אבער אזוי צו אזוי — די קאנסטיטוציע איז שוין פארפאלען.

אויב איהר וועט ניט נאר געדיינקען און גוט באקלערען די רעדע, וואס איך האב געהאט די עהרע צו האלטען פאר אייך, מיינע הערען, נאר איהר וועט אויך ארויסדרינגען אלע שלוסען, וואס קומען ארויס פון איהר, וועט איהר זיך פארשאפען די גאנצע קאנסטיטוציאנע קונסט און די גאנצע קאנסטיטוציאנע חכמה. די קאנסטיטוציאנע פראגען זיינען פריהער ווי אלץ פראגען וועגען דער מאכט און ניט קיין פראגען וועגע רעכט. די ווירקליכע קאנסטיטוציע פון א לאנד

באשטעהט נאר אין די פאקטישע בעציהונגען צווישען די כחות פון לאנד; די געשריבענע קאנסטיטוציע האט נאר דאן א ממשות, ווען זי איז דער ריכטיגער אויסדרוק פון די ווירקליכע בעציהונגען צווישען די כחות פון דער געזעלשאפט— אט דאס זיינען די פרינציפען, וועלכע איהר דארפט זיך איינחזרן, וועלכע איהר מוזט שטענדיג געדיינקען. היינט האב איך אייך ערקלערט דיזע פרינציפען, באלייכטענדיג זיי נאר פון דער זייט פון דער מיליטערישער מאכט, ערשטענס דערפאר, וואס די קורצע צייט האט מיר ניט דערלאזען באטראכטען די אנדערע זייטען פון דער פראגע, און צווייטענס, ווייל די ארמיי איז די וויכטיגסטע און די שטארקסטע פון די ארגאניזירטע קרעפטען. אבער איהר פארשטעהט, אז דאס אייגענע קען מען זאגען וועגען דער ארגאניזאציע פון די דינער פון דער יוסטיץ, פון די בעאמטע פון דער אדמיניסטראציע א. ז. וו.; דאס זיינען אויך אלץ ארגאניזירטע קרעפטען פון דער געזעלשאפט. געדיינקט-זשע דיזע רעדע, מיינע הערען, כדי אז אייך וועט אמאל ווידער אויסקומען זיך אליין צו מאכען א קאנסטיטוציע, זאלט איהר וויסען ווי צו טאן אין אזא פאל, כדי איהר זאלט וויסען, אז א זאך ווערט געטאן ניט דורך שרייבעריען אויפ'ן פאפיר, נאר דורך דער אומענדערונג פון די פאקטישע בעציהונגען פון די כחות.

און דערוויילע, מיינע הערען, פאר'ן טעגליכען באדארף וועט איהר אליין, אויך אהן מיינע ערקלערונגען, פארשטעהן פון דיזער רעדע פון וואס פאר א באדערפעניש עס וואקסען ארוים די היינטיגע מיליטער-רעפארמעס, וועלכע די רעגירונג לייגט פאר, איהר פאדערונג צו פארגרעסערען די ארמיי. איהר וועט אליין אנווייזען מיט'ן פינגער דעם פארבארגענעם קוואל פון דיזער אונטערנעהמונג.

מײַנע הערען! די דינער פון דער מאנארכיע זײנען פראקטיקער, און ניט קײן בעל-דרשנים; אבער אזױנע פראקטישע דינער װאלט מען געמענט װינשען איהר זאלט אויך האבען.